STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01336

SEYFER HOKHMES OVES

Noah Kaplan

Permanent preservation of this book was made possible
by Tante Faye
in honor of
the next generation, Jacob, Marly, Joshua, Eliza & Abigail

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב נח קאפלאן

תוכן הדרשות

אַ ווארט צו מיינע פּאַטריאָטען — — — — — — — — 5

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — 6

דרשה א: לסליחות — — — — — — — — — — — — 8

פרק א

דרשה ב: ליזכור של שבועות — — — — — — — — — — 13
דרשה ג: בעד מדינת ישראל והתורה — — — — — — — 19
דרשה ד: להרמת קרן התורה — — — — — — — — — — 26
דרשה ה: אַן אפיעל פאר הכנסת אורחים — — — — — — 30

פרק ב

דרשה ו: די באַדייטונג פון ווערטער — — — — — — — 35
דרשה ז: טהו פאר'ן אָרימאַן, ווי פיעל דו
ווילסט פאר זיך אליין — — — — — — — — — — — 40

פרק ג

דרשה ח: לצדקה ולחשבון הנפש — — — — — — — — — 46
דרשה ט: צו אַן אינסטאַליישאַן פון א רב — — — — — — 55
דרשה י: לסעודת מצוה — — — — — — — — — — — — 61

פרק ד

דרשה יא: צו אַן אינסטאַליישאַן פון א ראש ישיבה — 68
דרשה יב: לחנוך הבנים וליום הדין — — — — — — — — 74

פרק ה

דרשה יג: ליום הדין — — — — — — — — — — — — — 80
דרשה יד: אַן אפיעל צו שטיצען א בית ועד לחכמים — 86

פרק ו

דרשה טו: אַן אפיעל צו שטיצען
די העברייאישע שפראך — — — — — — — — — — 91
דרשה טז: די תורה מאַכט ליכטיג א פינסטערען מח — 96
דרשה יז: א הספד נאָך א רב (געזאָגט צווישען לומדים) 99
דרשה יח: אַן אפיעל פאר תקיעות — — — — — — — — 105
דרשה יט: די טיפע חכמה פון אגדתא — — — — — — 110
דרשה כ: אַן אפיעל צו צדקה קלייבערם — — — — — — 113

ספר

חכמת אבות

על

מסכת אבות

ענטהאלט פיעלע וויכטיגע און אינטערעסאנטע

דרשות

פיר אלע געלעגענהייטען

ווי חתונות, בר מצות און ר"ל הספדים

דא געפינען זיך מאמרים אויף א סך ענינים פון תנ"ך און חז"ל
צו יעדער געלעגענהייט.
„הפך בה והפך בה"

שנת התש"ט לב"ע

מאתי הצעיר נח קאפלאן
בן לאדוני אבי ר' שלמה צבי הכהן זצ"ל

ווייל דער ספר ענטהאלט ב"ה גוטען מאטעריאל און איז געדרוקט
אין וועהניגע קאפיעס, איז דער פרייז פון יעדער קאפיע—3.50.

נסדר ונדפס בדפוס הרבני ר' יעקב פאסטאר

Copyright 1949 by Rabbi Noah Kaplan

801 East Tremont Ave., Bronx 60, N. Y.

Printed by Postar Press, 14 Cook St., Brooklyn, N. Y.

מיינע פריינדע ! ווען איהר וועט נעמען מיין ספר „חכמת אבות” אין האנט, זאלט איהר ניט זאָגען „לית דין ולית דיין”. אָט האט איהר א ספר וואָס איז דין !
אבער ב"ה האָט אין זיך פיעל מאַטעריאל.

יש לי ב"ה מכתבי **תהלה ותעודות לרבנות** (סמיכות)
(ומפני יוקר ההדפסה אני מדפים אך מקצתן)

ט"ו שבט ה-תש"ט לב"ע

ב"ה הנני בזה עוד הפעם להודיע בשער בת רבים אודות הרב החשוב ר' **נח קאפלאן** שליט"א, כי הוא באמת גברא דלעי באורייתא ומחדש חדושים המענגים את הלב, ואמינא לפעלא יישר . . . יעלה ויצלח מעלה מעלה כברכת ידידו ומכירו מכבר. ראיתי את כל ספריו שחבר על התורה ועתה על מס' אבות.

הרב ד. ב. אפפעלמאן מביהכנ"ם ח' תהלים

ב"ה אור ליום ו', עש"ק לסדר ראש חדשים

גם אני אקח ספר חכמת אבות על מס' אבות מאת הרב הנכבד הגדול המפורסם הר' **נח קאפלאן** הכהן שליט"א, וממני יראו וכן יעשו כל מכירי ומכבדי התורה, ולמצוה רבה ולזכות גדול יחשב, כדברי הכותב לכבוד התורה ולומדי'.

הק' **משה רוקח קאזלאָווער רבי**

NEW YORK PUBLIC LIBRARY
Office of the Director

Rabbi Noah Kaplan
Dear Sir:

Will it be possible for you to present to us a copy of your publication.

This work is needed for use in our Jewish Division, and if you have a copy which you can spare for deposit here, it will be most welcome.

Very truly yours,

Franklin F. Hopper, Director

DEDICATION

In this, my sixth volume, "WISDOM OF THE FATHERS", I have exerted myself to the utmost in preparing a work, that is highly educational and constructed with the Talmud as its foundation. I wish to dedicate this book to a great man, who was the guiding beacon of his community and whose benevolent deeds were bestowed upon all. On the 25th day of October, 1948, a gentleman, highly respected by the men of his profession, and loved by all who knew him, was taken from our midst. I feel that the least I can do is to have the name of this great man eternalized on these pages. Let the world know, that it is not yet doomed ! Let the world know that there was a man who fought for what was right and just ! Let his memory now guide us to a better mutual understanding and a greater tolerance. With all due respect and humility I dedicate this book to the memory of this great benefactor, DR. SAMUEL H. NERENSTONE, who through his great surgery has succeeded in saving many, many lives. MAY HIS SOUL REST IN PEACE. My deepest condolences to the bereaved family and may they be spared all sorrow.

RABBI NOAH KAPLAN

חכמת אבות

א ווארט צו מיינע פאטריאטען

די קינדער פון א גרויסען גביר און א גרויסען וועלט חכם פלעגן אלעמאל עסען ביי זייער פאטער'ס טיש, און כאטש דער טיש פלעגט זיין פול מיט די בעסטע געטראנקען און בעסטע עסענס, האט דאס זיך די קינדער צוגעגעסען און זיי האבען מעהר שוין קיין הנאה נים געהאט פון פאטער'ס טיש. האט דער פאטער זיך אנגערופען צו זיי, קינדערלאך מיינע! נעמט גרויסע זעק און פילט זיי אן מיט די ברעקלאך פון אונזערע טישען, וואס מיר פראווען. אט פון די קליינע ברעקעלאך וועט איהר אמאל מעהר הנאה האבען ווי פון אונזערע גרעסטע סעודות. אין א צייט שפעטער האט אויסגעבראכען א גרויסע מלחמה מיט הונגער יאהרען. האבען די קינדער פאנאנדערגעעפענט די זעק און זיי האבען מעהר הנאה געהאט פון די ברעקלאך, ווי פון די גרויסע סעודות. אט אזוי מיינע פריינדע נעמט אייך אריין גוט אין אייער קאפ אריין אט די אלע משלים מיט די קליינע ווערטערלאך, וואס איך גיב דא אריין אין מיינע ספרים, עס וועט אייך זעהר פיל נוצען ברענגען.

אפילו די ווערטער וועלכע קוקען אויס ווי א שפאס, א קיבעץ, זיינען אויך נויטיג, ווייל מיר בעטען דאך ביי דעם רבש"ע, ער זאל אונז אויך געבען א קיבעץ. „קבוץ גליות", איי, ווען ער ער גיט אונז א קיבוץ!

הקדמה

הרב קאפלאן דורש מפרקי האבות
יתאספו השומעים וישמחו המבינים

מיינע טייערע פריינדע ! איך רעד צו אייך שוין מעהר פון 30 יאהר אין סטריט אדער פון די הייליגע בימות אין די שוהלען. זייט וויסען, אז פאר די לעצטע צען יאהר פון זינט איך האב אנגעפאנגען רעדען צו אייך דורך מיינע געדרוקטע ביכער, בין איך שטארק געעלטערט געווארען. מיין אלגעמיינער געזונט איז ניט ווי איך קוק אוים אויף מיין פנים. מיינע אויגען ווערען זעהר שנעל מיעד, און איך האב שוין געדענקט אז איך זאל שוין מעהר קיין ביכער ניט ארויסגעבען.

אבער א פארמער פון די מאונטעינס האט מיך געמאכט צו דענקען אנדערש.

פאריגען זומער בין איך געוועזען א פאר טעג אויף א פארם. האט מיר דער פארמער דערצעהלט: אט די פארם איז געוועזען מיט צען יאהר צוריק זעהר א קליינע שטיקעל לאנדשאפט, ניט בעארבייט, געהאט בלויז א פאר אונפרוכטבארע בוימעלעך. עס איז אונז געבליבען א ירושה פאר מיר מיט מיינעם אן עלטערען ברודער. איך האב איינגעזעהן אז ווען אפילו עס זאל אלעס געהן מיט הצלחה, און גרוים סוקסעס, קען מען אלץ אט פון דער קליין שטיקעלע לאנדשאפט ניט האבען גענוג פרנסה אויף צום לעבען, האב איך און אזוי אויך מיין ברודער אפגעשטימט צו געהן אוים ארבייטען אויף פרעמדע פארמס. אבער אין די פרייע שטונדען האב איך בעארבייט מיין טהייל פון דער פארם וואס איך האב געהאט אלס ירושה. איך האב געקליבען דאלער צו דאלער און

געקויפט נאָך לאנד, ביז איך האָב פארגרעסערט און געמאכט אַט די פראכטפולע גרויסע שטיק לאנדשאפט. און יעצט קענט איהר אלע זעהן אז, א דאַנק גאָט, מיר קענען פון דער פארם ניט נאָר האָבען פרנסה בכבוד, נאָר אויך גרויס עשירות! אבער מיין ברודער האָט בלויז געארבייט אויף פרעמדע פארמס, זיין אייגענע האָט ער פארנאכלעסיגט. היינט איז ער אַן אָרימאַן.

מיינע פריינדע! יעדער מענש מוז נעבאך ליידער אוועק־געבען זעהר א סך צייט צו פארזאָרגען זיין פאמיליע מיט לעבענס מיטלען. מען מוז נעבאך אוועק פון גייסטיגער ארבייט, און ארבייטען לאנגע שטונדען אויף פרעמדע פעלדער, צוליב דער ערציהונג און אויפהאלטונג פון זיין אייגענעם גוף, און די מיט־גלידער פון זיין פאמיליע. אָבער אויב ער וויל דערגרייכען אמת׳ן ערפאָלג, דארף ער האָטש נאָך זיין שווערער ארבייט עפעס טהון פאר זיין אייגענער גייסטיגער ירושה, פאר דער הייליגער תורה! פאר ארץ ישראל, און פאר מענשליכקייט. אַט דערפאר, מיינע פריינדע, קען איך זיך ניט אָפּלאָזען אינגאנצען, און איך גיב אייך נאָך אמאָל מיינע טייערע, הארציגע ווערטער אין מיין זעקסטען בוך געדאנקען אויף מס׳ אבות.

נאָך יעדען טאָג פון מיין שווערער ארבייט אלס רב און רעדנער פון די בימות! ארבייט איך ערשט אין די שפעטיגע שטונדען פון דער נאכט, אָדער ווען איך קריג א ביסעל צייט דורכ׳ן טאָג, צו ארויסגעבען אַט די טייערע, זאפטיגע, געשמאקע און נאהרהאפטע גייסטיגע פרוכט אין ביכער. איך פרעה זיך מיט די הארציגע ווערטער פונקט ווי איינער וואָס געפינט א גרויסען אוצר פון דימענטען; פרעהט ער דאָך זיך וואָס ער קען א ביסעל מיטנעמען מיט זיך, אבער ער איז זיך דאָך אויך מצער וואָס ער דארף זעהר א סך איבערלאָזען. אַט אזוי בין איך אויך פרעהליך אויף די גייסטיגע אוצרות פון דער מס׳ אבות. אט דאָס איז דער טיפער סיקרעט פון די ווערטער — **שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב (תה׳ קיט).**

דרשה א — לסליחות

כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב
שנאמר ועמך כולם צדיקים

רבותי ! עס איז דאָך א גרויסע קשיה ! פארוואָס ישעיה הנביא, ווידערשפּרעכט זיך אליין ? ער זאָגט דאָך — עם כבד עון זרע מרעים ! טאָ ווי אזוי זשע זאָגט ער דאָ פונקט פאר־קעהרט — ועמך כולם צדיקים ! און אין אלגעמיין איז דאָך דאָס ניט דער וועג פון אונזער הייליגער תורה, צו זיין ביי זיך אזוי גרויס און איינרעדען זיך אז מיר זיינען אלע צדיקים. מיר זאָגען דאָך יעצט פארקעהרט — אשמנו מכל עם בשנו מכל דור, די חז"ל האָבען דאָך געזאָגט אז א בעל גאוה איז א קאליקער מענש — האי מאן דיהיר בעל מום הוא — (מג׳ כט) האי מאן דמיהר אפילו אאנשי ביתיה לא מקביל (סוטה מז) כל המתגאה בטלית של ת"ח ואינו ת"ח אין מכניסין אותו במחיצתו של הקב"ה (ב"ב צח) כל המתיהר אם חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו (פס׳ סו) כל המתיהר נופל בגיהנם (ע"ז יח) און קהלת זאָגט דאָך כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ־ז־כ). די גרויסע צדיקים פלעגען דאָך קיינמאָל ניט שטאָלצירען מיט זייער צידקות, נאָר אדרבה, זיי פלעגען מיט גרויס הכנעה בעטען ביי דעם רבש"ע ער זאָל זיי מוחל זיין אויף זייערע עבירות. ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער פלעגט זאָגען, צו סליחות: רבש"ע ! איך בין שוין אלט און שוואך, איך דארף מיך שטארק צו איילען און אָנשטרענגען אויפצו'שטעהן צו סליחות און זאָגען א סך תפילות, ודוים, און פיוטים; אבער דו ביזט דאָך דער אלמעכטיגער גאָט, ביי דיר איז דאָך ניט שייך קיין אלטקייט און קיין שוואכקייט, טאָ וואָס אהרט דיר אז דו וועסט ארויסזאָגען בלויז דעם איין

װאָרט — סלחתי! און נאָכדעם פלעגט ער זאָגען: רבש״ע! איך בין דער פאסטוך פון דיינע שעפעלאך, פון די בני אברהם, יצחק ויעקב, איך בין זייער רבאי (אין אמעריקע רופט מען א רבאי: סעילסמאן) טאָ לאָמיר טהאָן עפעס ביזנעס, איך װעל דיר געבען זייערע חטאים, עוונות ופשעים, און דו גיב אונז סליחה, מחילה וכפרה, אבער דו דארפסט נאָך צוגעבען צום געשעפט — בני חיי ומזוני.

אט פון די אלע זאכען זעהען מיר דאָך, אז קיין עבירות פעלט ביי אונז ניט, דאָך איז מיר ניט אזוי קשה, דאָס װאָס דער תנא זאגט אז אלע אידען האָבען א חלק לעולם הבא, װייל די גרויסע צדיקים האָבען אלע מאָל געקעמפט און געזעהן אז דער רבש״ע זאָל מוחל זיין די אידישע עבירות. דער תנא רבי מאיר האָט געזאָגט אז ער װעט ברענגען זיין רבי׳ן אלישע׳ן צו עוה״ב (אין קה״ר) מצילין תיק הספר עם הספר (שבת קטז), נאָר די קשיה איז, בלויז אויף ישעיה הנביא, װאָס ער זאָגט אז — ועמך כולם צדיקים? מען דארף אויך פארשטעהן פארװאָס לערענט מען אָט די משנה פון מס׳ סנהדרין פאר די פרקים פון מס׳ אבות?

דער ענטפער איז: דער תנא האָט גוט פארשטאנען די מענשליכע פסיכאָלאָגיע. א מענש װען ער פאלט דורך און טהוט איינינגע עבירות, װערט ער ביי זיך געפאלען און ער זינקט אינ-גאנצען אראָפ, װייל ער באטראכט זיך שוין אליין איינם אלס א פארלוירענעם פון דער צוקינפטיגער װעלט.

אָט דערפאר איז, װען מען פאנגט אָן לערנען די גרויסע מאָראלישע לעהרע פון „פרקי אבות״, לערענט מען פריהער אָט די משנה, װעלכע ברענגט אויך די טייערע טרייסט װערטער פונ׳ם נביא אום צו געבען אונז גרוים קוראזש אז מיר זאָלען זיך שטארקען און ניט זיין געפאלען, װייל אין דעם אידישען פאָלק זיינען ניטאָ קיין אבסאָלוטע שלעכטע מענשען, נאָר אפילו די אידישע עבירות זיינען מיט א צװעק און א תכלית פון מצװות,

און אפילו די בעלי עבירה'ניקעס זיינען אויך צדיקים (פושעי ישראל מלאים מצוות כרמון — עירובין יט)

דער תנא האט מיט הונדערטער יאהרען פריהער אויס־געדריקט דעם זעלבען געדאנק וואס דער ווילנער גאון האט געזאגט צו א אידען — ווילנער גאון מיינט: וויל נאר ווערען א גאון ! און דאס מיינט אויך ישעיה הנביא מיט דעם אויסדרוק — ועמך כולם צדיקים ! אט דערפאר זאגט דער נביא — נצר מטעי מעשה ידי להתפאר. דאס מיינט אז דער וואס פלאנצט, און דער וואס ארבייט פאר א גוטען צוועק קען זיך אין דער שפעטערדיגער צוקונפט באריהמען מיט דער פרוכט פון זיין ארבייט און נאר אט אזוי קען אונזער פאלק דערגרייכען צו ארץ ישראל — לעולם יירשו ארץ !

אויסער דעם אלטען באגריף און אמת'ן פשט פון עולם הבא — אז דאס מיינט מען דאך יענע וועלט וואס איז נאך'ן טויט, קען מען אין דעם ווארט — עולם הבא מיינען: די וועלט אייך, נאר די שפעטערידיגע צוקונפט עוה"ב די צוקונפט וואס א מענש קען דערגרייכען דורך'ן ווילען און שטרעבען צוזאמען מיט שווערער ארבייט.

אין מיינע אלע רעדעס און אלע ביכער וואס איך שרייב, וויל איך אז איהר זאלט אויסווארצלען פון זיך די נאאיווע, פאנאטישע אבערגלויבעריי אין כישוף, ספיריטואליזם, זאבאבאנעס, פיל"ד קמיעות, הייליגע וואסערלאך, און נאך אזוינע פוילע שטיק, און איינפלאנצען אין זיך דעם כאראקטער פון גלייכען פארשטאנד, לאגישקייט, מאראל, שטרעבען מיט אן אמת צו זיין גוט צו מענשען, און בויען אונזער לאנד ארץ ישראל !

עס זענען דא א גרויסע צאהל מענשען פון די אונוויסענדע מאססען, וואס פארשפרייטען לעגענדארישע, אוננאטירליכע מעשה'ס פון מענשען, וואס טרייבען ארויס דיבוקים און רעדען מיט נשמות וואס וואנדערען אין עולם התוהו.

אין א קאלטער ווינטערדיגער נאכט, ביי דעם גרויסען רבי'ן פון דער שטאדט „ב", זיינען שוין אלע געשלאפען און אפילו דעם רבינ'ס גבאי איז שוין אויך געגאנגען שלאפען אין דעם דערביי־איגען צימער. וואס איז נאהענט צום רבינ'ס. א קאמפאניע פון דורכרייזענדע אידען וואס פאהרען נאך אמעריקע זיינען גראדע יעצט ביי נאכט אנגעקומען צום רבי'ן נעמען א ברכה. די אידען נעבאך האבען געוויינט וואס זיי דארפען אוועק נאך אזא וויטען לאנד וואו מען פארקויפט דארטען די נשמה פאר געלט, און דער גבאי האט אלץ געהערט די ווערטער: נשמה, נשמה! און ער האט זיך פארגעשטעלט אז דאס זיינען געקומען נשמות פון יענער וועלט צום רבי'ן אז ער זאל זיי געבען א תיקון. דער רבי איז ביי זיך געוועזען זעהר איינפאך און גוט. ער האט פאר־שטאנען אז אידען פאהרען נעבאך אין וועג, זיינען זיי דאך געווים הונגעריג און דארשטיג. ער האט פון די הויז מענשען קיינעם ניט געוואלט איפוועקען, ער האט געגעבען די אידען א ביסעל בראנפען מיט צובייסענס און בשעת מעשה געזאגט: נעמט א ביסעל תיקון און געמאכט זיי הייסע קאשע מיט שמאלץ. די אידען האבען אפגעגעסען, זיך אפגעזעגענט מיט'ן רבי'ן און זיינען נאך אין מיטען נאכט אוועק געפאהרען. אין דערפריה, ווען דער עולם איז זיך צוזאמענגעקומען אין קלויז דאווענען, האט דער גבאי דערצעהלט דעם עולם די גרויסע מופתים פון דעם רבי'ן, אז נעכטען ביינאכט זיינען געקומען צום רבי'ן א פולע שטוב מיט נשמות און דער רבי האט זיי אלע געגעבען א תיקון, ווייל ער האט דאך געהערט פיעל מאל דעםווארט נשמה, נשמה! און אויך דעם ווארט תיקון (חסידים רופען דעם בראנפען וואס זיי טרינקען לחיים — תיקון נשמה). אז דער רבי האט געהערט ווי דער שמש דערצעהלט פון איהם מופתים אז ער האט געגעבען א תיקון צו נשמות. האט דער רבי אויסגעשריען, עס איז ניט אמת! ניט איך האב געגעבען די נשמות א תיקון, נאר פארקעהרט, די נשמות האבען מיר געגעבען א תיקון, ווייל די

אידען זיינען געווען דורכפאהרער און איך האָב זוכה געווען צו מקיים זיין דורך זיי די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים.

יעצט, אז מיר זאָגען: לך ה' הצדקה! כדלים וכרשים דפקנו דלתיך, דארפען מיר זיך באטראכטען אז דער דפקנו דלתיך! איז אן אַנצוהערעניש מיר זאָלען ניט אזוי קלאפען מיט'ן האנט אויפ'ן הארצען, נאָר פארקערט, די הארץ זאָל קלאפען אויפ'ן האנט און מיר זאָלען עפענען די הענט צו געבען צדקה.

עס טרעפט זעהר אפט אז א איד טענה'ט: עס איז דאָ צו פיעל ערטער וואו צו געבען צדקה, איך קען דאָך ניט אלעמען געבען, איך האָב ניט גענוג! רבותי! היינט זיינען דאָך שוין די טעג פון דין און רחמים, טאָ טהוט ווי דער רבי האָט געהייסען דעם עולם, ווען עס איז געווען ווענינ חלה אויף שבת: שניידט דין! און עסט מיט רחמים!

איך האָב אמאָל געהערט ווי א איד זאָגט צו זיין זוהן, געה ניט ארויס יעצט פון שוהל, וועסטו הערען דעם רב'ס דרשה! איך פייף אויפ'ן רב, רופט זיך אָן דער זוהן. סטייטש! האָט דער פאָטער געזאָגט, דער רב איז דאָך א געלערענטער מענש, און ער רעדט דאָך א גוטען ענגליש, טאָ פארוואָס פייפסטו אויף איהם? איך מיין, האָט דער זוהן געזאָגט, אז איך וועל איהם געבען (5) פייוו דאָלערס. זעהט, מיינע פריינדע! פייווט אויף אָרימע לייט!

ווען משה רבינו איז ארויף אין הימעל האָבען די מלאכים איהם געוואָלט טהאָן שלעכטס. האָט דער רבש"ע געמאכט אז משה'ס פנים זאָל אויסקוקען ווי אברהם'ס, און געזאָגט צו די מלאכים, איהר שעהמט זיך גארניט פאר דעם מענשען? איהר האָט דאָך ביי איהם געגעסען! (מ"ר יתרו) פאר איהם פאסט זיך די תורה בעסער! ווייל ער האָט אייך אויפגענומען מיט פריינד-ליכקייט, און איהר ניט! אָט דערפאר האָט ער זיי געזאָגט זיי זאָלען זיך שעהמען.

פרק א, משנה א

משה קבל תורה מסיני

דרשה ב — ליזכור של שבועות

מיינע פריינדע! דער לשון — מסיני — מיינט דאָך פון בארג סיני. איז דאָך א קשיה! וואָס מיינט דאָס? משה האָט דען גענומען די תורה פון דעם בארג סיני? משה האָט דאָך גענומען די תורה פון גאָט! אויב דער תנא וויל זאָגען אז מרע"ה האָט גענומען די תורה שטעהענדיג אויפ'ן בארג סיני, האָט ער דאָך געדארפט זאָגען — על הר סיני, אדער — בסיני. און מען דארף אויך פארשטעהן פארוואָס דער תנא פאנגט גראָדע אָן די מס' אבות מיט דער משנה: משה האָט גענומען די תורה מסיני?

נאָר דער ענטפער איז פשוט: דער תנא גיט דאָ א טעם פאר־וואָס אלע אידען האָבען א חלק אין עוה"ב, ווייל וויבאלד אז א איד גלויבט נאר אז די תורה האָט אונז גאָט געגעבען, אָט דערמיט אליין איז ער שוין א בן עוה"ב; אבער דער וואָס גלויבט ניט אין תורה מן השמים האָט ניט קיין עוה"ב, ווייל דער תנא זאָגט דאָך טאקע דאָרטען אין דער משנה פון — כל ישראל — (סנהדרין פ"ק חלק) ואלו שאין להם חלק לעוה"ב האומר אין תחיית המתים מן התורה ואין תורה מן השמים.

עס זיינען דאָ 2 גרויסע כחות וואָס האלטען אויף די וועלט: דער ערשטער און גרעסטער כח איז די תורה! און דער צווייטער

כח איז עניוות! ווען א ייד איז קליין ביי זיך איז ער א ייד, אבער אויב א ייד איז גרויס, איז ער דאך שוין ניט קיין ייד, נאר א וואוו. די ערשטע זאך דארף א איד גלויבען אז — משה קבל תורה! און די צווייטע זאך אז — מסיני! מען דארף זעהען אז דער רבש"ע האט אויסגעקליבען דעם קליינעם בארג סיני, דארף מען זיך לערנען די מדה פון עניוות פונ'ם בארג סיני. א"ר יוסף לעולם ילמד אדם מדעת קונו שהרי הקב"ה הניח כל הרים וגבעות ותשרה שכינתו על הר סיני והניח כל אילנות טובות והשרה שכינתו בסנה (סוטה ה).

סיני, איז בגימ"ט עני! די תורה וויל אז מען זאל רחמנות האבען און מיטפיהלען מיט דעם ארימאן — מדת בו"ד גבוה רואה את הגבוה ואין גבוה רואה את השפל אבל מדת הקב"ה אינו כן הוא גבוה ורואה את השפל שנאמר כי רם ד' ושפל יראה (סוטה-ה'). די וועלט זאגט: דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען, אבער מיר דארפען אנטוויקלען א געפיהל פון רחמנות צו די אומגליקליכע און הונגעריגע.

איינמאל אין א זעהר קאלטער ווינטער נאכט איז דער באוואוסטער צדיק ר' ישראל סאלאנטער זצ"ל געקומען צום קאוונער גביר. אז דער שווייצאר האט געמאלדען דעם גביר אז דער ראבין וויל איהם זעהן, איז דער גביר ארויסגעקומען אין קארידאר און פארבעטען ר' ישראל'ן ער זאל אריינגעהן אין דעם שעהנעם ווארימען פארלאר; אבער דער רב איז געבליבען שטעהן אין קארידאר און פארפירט מיט דעם גביר א שמועס וועגען נוטיגע פראבלעמען פון שטאדט. דער גביר האט אנגעהויבען ציטערען פון קעלט, עס האט איהם געקלאפט א צאהן אן א צאהן. אבער דער רב איז זיך געשטאנען אזוי ווי איינער וואס מאכט זיך ניט וויסענדיג פון דעם וואס דער גביר טרייסלט זיך פון קעלט און געהאלטען אין איין שמועסען פון אלץ אין דער וועלט. רופט זיך אן דער גביר: רבי! קומט אריין אין

פארלאר ! איך וועל פארפרוירען פון קעלט. אויב אזוי, זאגט ר׳ ישראל צום גביר, זאלט איהר וויסען אז איך בין צו אייך געקומען אז איהר זאלט העלפען די ארימע לייט וואס האבען נעבאך ניט מיט וואס צו באהייצען זייערע הייזער און ווערען פארפרוירען פון קעלט. האט איהר דאך באלד געקענט אריינ־קומען צו מיר אין פארלאר און זאגען וואס איהר זייט געקומען, צו וואס האט איהר מיך געדארפט לאזען דא אזוי לאנג שטעהן און פרירען אין קאלטען קארידאר ? האט דער גביר געפרעגט דעם צדיק ר׳ ישראל׳ן. פארשטעהט איהר מיך, די וועלט זאגט: דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען, האט דער רב גזאגט, אז איהר שטעהט דא און טרייסעלט זיך פון קעלט, אט ערשט יעצט וועט איהר דערפיהלען די לאגע פון די ארימע קינדערלאך וואס געהען אוים פון הונגער און קעלט און זעהן טהון עפעס ממשות׳דיג פאר די ארימע לייט נעבאך, אז זיי זאלען האבען גענוג האלץ צו באהייצען די הייזער און אויך עפעס ווארימעס צום עסען. דער גביר האט דערשפירט די טרויעריגע לאגע פון די ארימע קינדערלאך וואס הונגערען און ליידען פון קעלט. ער האט באלד געגעבען דעם צדיק א גרויסע סומע געלט, און געווירקט אויף די איבעריגע בעלי בתים אז זיי זאלען אויך בייי־שטייערען.

אט דערפאר זאגט דער תנא דעם לשון מסיני, ווייל מיר דארפען זיך לערנען פון דעם ווארט — סיני — וואס איז גימ״ט עני — צו מיטפיהלען מיט דעם ארימאן און העלפען איהם, און דערפאר לערנען מיר אויך די משנה משה קבל תורה מסיני באלד נאך — כל ישראל יש להם חלק לעוה״ב — ווייל נאר די אידען וואס האבען רחמנות אויף די ארימע און גלויבען אז די תורה האט אונז גאט געגעבען, אט די אידען וועלען האבען עוה״ב, אבער די וואס העלפען ניט דעם ארימאן וועלען דארפען פריהער אליין פארזוכען א לעבען פון ארימקייט ביפאר זיי קענען האבען עוה״ב, אין דער צייט ווען די נשמות ווערען דא

אויף דער וועלט דערמאָנט צו יזכור, דאַן שטעלען זיי זיך אלע ארום אין הימעל ארום דעם „מלך יושב על כסא רם ונשא" און זיי בעטען זיך אז דער רבש"ע זאָל זיי אריינלאָזען צווישען די גרויסע צדיקים אין גן עדן, ענטפערט דער רבש"ע צו דער נשמה: טאָכטער'ל ! וואָס קען מען טהון ? אט דאָ וואו דו געפינסט זיך יעצט דאָס איז דאָך דיין ריכטיגער פלאץ וואָס דו האָסט פאר זיך אליין פארדינט ווען דו האָסט געלעבט. הויבט אָן די נשמה וויינען, רבש"ע ! אמת טאקע אז איך האָב אין מיין לעבען ניט פארדינט, אז איך זאָל דאָ אויף דער אמת'ער וועלט זיין צווישען די צדיקים אין גן עדן, אבער מיינע קינדער וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אויף דער לעבעדיגער וועלט, זיי קענען דאָך מיט זייערע גוטע מעשים מיר מזכה זיין און זיי שטעהען דאָך יעצט אין שוהל און בעטען פאר מיין נשמה, זיי זאָגען דאָך תהא נפשו צרורה בצרור החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב, ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן. ענטפערט דער רבש"ע: קינד מיינס, נשמה—ניו ! דו ביזט גערעכט ! די גמ', די תורה שבע"פ, האָט טאקע געפסק'ינט אז דו ביזט גערעכט ! ברא מזכי אבא (סנהד' קד) אָט דאָס מיינען טאקע די ווערטער — הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו, די טייערע און גוטע קינדערלאך קענען יעצט צו יזכור מיט זייער ליבשאפט און איבערגעבענהייט צו זייערע עלטערען זעהר פיעל טהאן פאר די נשמות פון זייערע טאטעס און מאמעס וואָס האָבען זיך אזוי פיעל מפקיר געווען מיט זייער לעבען פאר די קינדער.

און יעצט, טייערע קינדערלאך ! קענט איהר אָפּצאָהלען אייער גרויסען חוב צו אייערע עלטערען, וועלכע נויטיגען זיך אין אייער הילף, אז איהר זאָלט זייערע נשמות אריינברענגען אין גן עדן אריין. אפילו די גרעסטע צדיקים, אפילו אזא צדיק ווי רבי הקדוש, האָט ביי זיין פטירה געדארפט אָנקומען צו דער הילף פון זיינע זיהן (כתובות-קג). ת"ר בשעת פטירתו של רבי אמר לבני אני צריך . . . נר יהא דלוק במקומו, ווען דער טויטער מענש

וואָלט נאָך אמאָל געבוירען געוואָרען און דארפען נאָכאמאָל איבערלעבען זיין לעבען, וואָלט ער געווים געהאט מעהר שכל ווי צו לעבען, און ווי אזוי צוצוגרייטען זיך צו יענער וועלט. אבער דער אומגליק איז וואָס דער מענש איז פארבלענדעט ווען ער לעבט, און די יאָהרען זיינע לויפען דורך ווי דער שאָטען פון א פליהענדער פויגעל. אָט דערפאר האָט דער רבש״ע געגעבען דעם מענשען א געלעגענהייט אז ער זאָל קענען נאָכאמאָל איבער־לעבען זיין לעבען (חאָטש ער איז שוין טויט). דער מענש לעבט אין זיינע קינדער, אויב זיינע קינדער זיינען גוטע צו דער וועלט, דאן בעסערען זיי אוים דערמיט זייערע עלטערען׳ס פעהלערען, און שיקען דערמיט זייערע עלטערען אין גן עדן אריין. זעהט זשע קינדער ! זייט ניט פארבלענדעט אזוי ווי אנדערע מענשען.

א רב איז אמאָל געקומען צו א רייכען אידען וועגען א נויטיגע דאָניישאָן. אז דער גביר האָט דערזעהן דעם רב און פאר־שטאנען אז דאָס מיינט מען דארף געבען געלט, האָט ער אוים־געשריען הויך אויפ׳ן קול, רבי, רבי פליעז ! איך קען אייך יעצט ניט זעהן, איך בין זייער פארנומען, בלוז 5 מינוט, האָט דער רב זיך געבעטען, עס איז זעהר א נויטיגער צוועק. ניין, רבי, אפילו קיין איין מינוט אויך ניט. האָט דער רייכער מאן האסטיג א זאָג געטהון, אן אנדערש מאָל, ניט היינט ! דער רב איז אוועק מיט בזיונות. אין א צייט שפעטער ווען דער גביר איז געשטאָרבען, האָבען די קינדער גערופען דעם רב אז ער זאָל זאָגען עפּעס א גרויסען ריהרענדען הספד נאָך זייער פאָטער, ווייל זעהר פראָ־מינענטע לייט וועלען זיין אין טעמפּעל צום הספד. דער ר׳ב האָט ניט געוואָלט זאָגען קיין פאנטאסטישע שבחים, ווייל ביי אזא געלעגענהייט מוז מען זאָגען די אמת׳ע זאכען וואָס מען ווייסט וועגען דעם טויטען. האָט דער רב אזוי געזאָגט: מיינע פריינדע ! דער לעבען פון יעדען מענשען אויף דער וועלט איז פול מיט יסורים און גרויסע צרות לא עליכם, אפילו אט דער זעהר רייכער און פראָמינענטער מעמבער פון אונזער פאָלק, האָט אויך געהאט

זיינע שמערצען, וואָס קיינער האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט וועגן איהם, אז אזא גרויסר גביר זאָל נעבאך דארפען אזוי ליידען ? אלע האָבען אויסגעשטעלט זייערע אויגען און די קינדער איבערהויפט זיינען געווען שרעקליך דערשראָקען צו הערען פון דעם רב וואָס ווייסט געווים פון זייער פאָטער'ס אינטימע שרעקליכע ליידען. זיי זיינען געווען איינפאך ערשטוינט פון אזא באמערקונג ווייל אויף ווי ווייט זיי האָבען אלע געוואוסט, האָט דעם גביר קיין זאך ניט געפעהלט. אבער דער רב האָט זיי לאנג ניט געלאָזט ווארטען און געזאָגט, ווען אָט דער גביר האָט געהאט א סך געלט, האָט ער קיין צייט ניט געהאט . . . און יעצט ווען ער האָט שוין א סך צייט, האָט ער שוין נעבאך ניט קיין געלט. זעהט זשע, איהר טייערע אידען וואָס איהר קומט צו יזכור, איהר זאָלט ניט זאָגען אז איהר האָט ניט קיין צייט ווען מען דארף געבען צדקה !

אָט דערפאר זאָגט דער תנא אין דער משנה אז משה האָט גענומען די תורה — מסיני — ומסרה ליהושע. די תורה איז אזוי איבערגעגאנגען פון דזשענערייש אָן צו דזשענערייש אָן ביז ענדליך, איהר קינדערלאך, און אלע וואָס איהר זייט יעצט געקומען צו יזכור, דארפט אויפהאלטען די טראדיציעס פון דער הייליגער תורה, און איבערלעבען נאָך א פיל בעסערען לעבען פון אייערע עלטערען, אויסגלייכען אלע פעהלערען וואָס אונזערע עלטערען האָבען פארפעהלט, און וואָלטען דאָס זיכער יעצט געוואָלט פארבעסערען, טאָ די ערשטע און בעסטע זאך, גיט צדקה !

זאָגט ניט אז איהר קענט ניט בענוג לערנען און איהר פאר־שטעהט ניט די הייליגע תורה. ווען דער רבש"ע האָט געזאָגט צו מרע"ה ער זאָל גיהן ארויסנעמען די אידען פון מצרים, האָט מרע"ה געזאָגט צום רבש"ע — מי אנכי כי אלך ? האָט דער רבש"ע איהם געענטפערט, וזה לך האות כי אנכי שלחתיך

בהוציאך את העם ממצרים, תעבדון את הא-לקים על ההר הזה. וואס איז דער סימן אז איך שיק דיך, און ניט קיין אנדערען? דער סימן איז פון דעם: פון ההר הזה! אט פון דעם קליינעם בארג סיני, וועט איהר אלע קענען זעהן דעם סימן אז איך קלייב קיינמאל ניט אוים קיין ריעזען און קיין מלאכים אויף צו פאר־שפרייטען מיין תורה. און אויף דער פראגע וואס די מלאכים האבען געפרעגט — מה לילוד אשה בינינו? איז דער ענטפער פשוט, לקבל את התורה (שבת-פח). אט דערפאר זאג איך צו אייך, מיינע פריינדע! זייט מקבל די תורה! און גיט צדקה! זאגט ניט אזוי ווי יענער איד וואס אז דער שמש האט איהם געוואלט געבען הגבהת התורה, האט ער געזאגט איך בין הייזעריג, און איך האב פארגעסען די אויגען גלעזער.

דער מאמר משה קבל תורה מסיני האט א צוזאמענהאנג מיט דעם — ההר הזה — (שמות-ג) ווייל דאס איז אן ענטפער אויף דעם — מי אנכי —

משנה ב — שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה

דרשה ג — בעד מדינת ישראל והתורה

מיינע פריינדע! עס איז דאך א גרויסע קשיה! פארוואס גיט דער תנא פון דער משנה צום תנא שמעון דעם טיטול צדיק? נו, און וועלכער תנא איז דען חו"ש ניט געווען קיין צדיק? נאר דעם ענטפער צו דעם קענען מיר געפינען אין דער גמ' יומא-סט. שבקשו כותים את בית א-לקינו מאלכסנדרוס מוקדון להחריבו (ונתן להם רשות — מסרת הש"ס) כיון שראה לשמעון הצדיק ירד ממרכבתו והשתחוה לפניו. א"ל מלך גדול כמותך ישתחוה ליהודי זה? א"ל דמות דיוקנו של זה מנצחת לפני בבית מלחמתי.

דער מיינונג פון דעם ווארט — צדיק — איז דער וואס באַ־שיצט זיין פאָלק און זיין תורה, און שמעון הצדיק האָט געווירקט אז אלכסנדר האָט ניט חרוב געמאכט ניט אונזער ביהמ״ק, און ניט די שטאָדט ירושלים. אָט טאקע דערפאר האָט שמעון הצדיק אונז אָנגעזאָגט וואס עס זיינען די שטארקסטע זיילען וועלכע קענען אויפהאלטען די גאנצע וועלט אז זי זאָל ניט חרוב ווערען.

צדיקים, ווערען אָנגערופען יענע! וואָס באשיצען די וועלט און זאָרגען אז די צוקינפטיגע דזשענערײשאָנס זאָלען אויך וויסען פון דעם ווי אזוי צו אויפהאלטען די וועלט, און פאר־שפרייטען די וויסענשאפט אין גאָט און אין דער תורה א צדיק דארף זיין אין דער פאָרם פון — כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד׳ — (בראשית-יח)

אין יענער צייט ווען אברהם אבינו איז געווען, זיינען דאָך געווען שם ועבר, אבער דאָך האָבען זיך שם ועבר ניט פארמאָסטען צו ערציהען די וועלט אין דעם גלויבען פון גאָט פונקט אזויפיעל וויפיעל אברהם אבינו האָט זיך פארמאָסטען. און דערפאר האָט דער רבש״ע נאר אויף איהם געזאָגט כי ידעתיו! אז אברהם איז דער יעניגער וואָס וועט ערציהען א גאנצע פאָלק צו היטען דעם דרך ד׳.

עס טרעפט פיעלע מאָל אז עס זיינען דאָ איינגערעדטע צדיקים, ד״ה מענשען וואָס שמועסען זיך אליין איין אז זיי זיינען צדיקים. ווען א גנב האָט ניט די געלעגענהייט צו גנב׳ענען האלט ער זיך פאר א צדיק. אזעלכע צדיקים טהוען דאָך גאָר ניט אויף פאר דער מענשהייט. עס איז טאקע אמת אז זיי זינדיגען ניט, אבער דאָס איז ווייל זיי קענען שוין ניט, אמאָל צוליעב אלטקייט און שוואכקייט און אמאָל צוליעב אנדערע אורזאכען. עס איז דאָ אזא ווערטעל: די טראגעדיע פון דעם לעבען איז, וואָס א סך מענשען ווילען און זיינען זעהר אמביציעז, אבער זעהר ווייניג מענשען האָבען די מעגליכקייט.

"So many have ambition, and so few have ability"

ניין, מיינע פריינדע ! דאָס איז ניט דער באגריף פון דעם וואָרט — צדיק !

עס איז דאָ אַן אלטער אמעריקאנער ווערטעל:
"Self preservation is the first law of nature,
self sacrifice the highest rule of grace"

אז מענשען זאָלען אויפפאסען און אכטונג געבען אויף זיך אליין, דאָס איז דער ערשטער געזעץ פון דער נאטור, אבער א מענש וואָס איז זיך אליין מפקיר פאר דער מענשהייט, דאָס איז דער העכסטער און בעסטער געזעץ פון רחמים און חסד. אט אזא מענשען קען מען רופען צדיק ! און עס איז א גרויסע מצוה צו גלויבען די צדיקים. דער וואָס גלויבט די צדיקים איז גלייך ווי ער גלויבט דעם רבש"ע. מען קען דאָס אָפלערנען פון אט די פסוקים: פריהער — הללו עבדי ד׳ — און באלד נאָכדעם זאָגט דער פסוק — הללו את שם ד׳.

אבער מענשען וואָס זיינען קארג און גיבען גאָרניט פאר אונזער אייגענער לאנד, און העלפען ניט אין דער אנטוויקלונג פון מדינת ישראל, אויב אפילו זיי זיינען פרומע אידען און היטען די מצוות פון — בין אדם למקום — אזעלכע מענשען זיינען ניט קיין צדיקים. זיי זיינען נאָר אזוינע צדיקים וואָס זיינען ניט קארג אין אָנגיסען א גרויסען כוס פאר אליהו הנביא, ווייל דערמיט האָט ער ביידע זאכען, אי ער האָט א מצוה, און עס קאָסט ניט קיין געלט.

די וועלט פרעגט פארוואָס רופט מען אַן היינטיגע צדיקים מיט׳ן נאָמען „גוטער איד". אויב דער צדיק קען גוט לערנען ? וואָלט מען דאָך איהם געדארפט אָנרופען „גוטער לערנער", און אויב עס איז צוליעב זיין דאוונען ? וואָלט מען איהם געדארפט רופען „גוטער דאוונער". נאָר דערפאר רופט מען א רבי׳ן „גוטער

איד", ווייל ער איז זיך מפקיר פאר דער אידישער פאלק און ער זוכט אוים א זכות אויף יעדען אידען, צום גוטען.

פארוואס זאגט די תורה — וזאת התרומה אשר תקחו **מאתם**. די תורה האט דאך שוין פריהער געזאגט ויקחו לי תרומה? נאר דער אויסדרוק פון — מאתם — מיינט: אז ווען אפילו אז איהר דארפט אראפנעמען אט די נויטיגע געלט ממש פון זיי אליין אין וועלכע זיי אליין זיינען נויטיג אויף זייערע לעבענס מיטלען, דאך זאלט איהר עס אראפנעמען פון זיך, און העלפען אונזער פאלק און אונזער לאנד. טייטשט אפ דעם פסוק קחו מאתכם תרומה לד' (ויקהל) נעמט פון אייך תרומה, וואס מיינט דאס? „נעמט פון אייך". ווי נעמט דאס א מענש פון זיך? גאנץ איינפאך, ער נעמט אראפ פון זיין אייגענעם ברויט.

צייטענווייז איז אונזער לאנד פיעל נויטיגער פון אלעס. ביי די נאציאנען רופט זיך אין זייער שפראך ארוים זייער פאלק פריהער פאר זייער לאנד. ענג-לאנד, דייטש-לאנד, רוסס-לאנד, אבער אין אונזער שפראך קומט ארוים די לאנד פריהער פון פאלק — ארץ ישראל, מדינת ישראל.

דריי זאכען האט די וועלט ניט ליעב: אן אלטען סאלדאט, אן אלטען מלמד, און אן אלטען חסיד. און איך זאג אז דעם אלטען גלות האב איך אויך ניט ליעב. אויף אן אלטען סאלדאט קוקט די וועלט מיט פאראכטונג, ווייל ווען ער איז ניט קיין שוטה, וואלט ער שוין ביי זיינע אלטע יארען האטש געווארן אן אפיציער? אן אלטען מלמד, ווייל ווען ער איז ניט קיין גראבער יונג? וואלט ער דאך שוין ביי די עלטערע יארען געווארן א רב, און אויף אן אלטען חסיד קוקט די וועלט מיט ביטול, ווייל ווען ער וואלט פארשטאנען חסידות מיט אן אמת? וואלט ער דאך אויף די עלטערע יאהרען געווארען אליין א רבי.

דאס זעלבע, מיינע פריינדע! איז דער אלטער גלות איד!

גלות איז א מין — סאָרט חדר, וואו א איד דארף זיך אויסלערנען אלע חכמות און די מדות פון עניוות און געדולד. אבער וויפיעל איז דער שיעור צו געהן אין דעם פינסטערען גלות חדר ? ארויס'ט פון גלות ! זייט ניט קיין שוטים ! איהר האָט דאָך שוין אין גלות זיך אויסגעלערענט ווי אזוי צו לעבען ? צווישען מענשען דארף מען זיין א מענש, און צווישען קאניבאלען מוז מען זיין א קאני-באל. מוז מען מאכען אן אונטערערדישע ארמיי !

א צדיק דארף זיין אזוי ווי די תורה זאגט — נח איש צדיק ! ד"ה אין זיין באציהונג און אויפפירונג צווישען מענשען, דארף ער זיין א מענש ! איש צדיק ! און דערפאר האָט שמעון הצדיק געזאָגט אז אויף די דריי זאכען שטעהט די וועלט.

על התורה ! ווייל פון דער תורה קען מען זיך אויסלערנען צו פארשטעהן די אחדות הבורא — ובתורתך כתוב לאמר שמע ישראל, שמע מיינט. הער און פארשטעה ! אז ד' א-לקינו ד' אחד.

על העבודה, דו זאָלסט דינען דעם איינציגען גאָט און ניט קיין ע"ז.

ועל גמילות חסדים — מען זאָל זיין גוט און העלפען מענשען מיט גמילות חסדים.

אין דער אמת'ן איז דאָך א קשיה ! עבודה און גמילות חסדים זיינען דאָך אויך בכלל תורה, אין דער תורה זיינען דאָך דאָ אלע מצוות, טאָ פארוואָס רעכענט ער דאָס אלעס דריי באזונדערע זאכען ? נאר דער ענטפער איז פשוט, די וועלט שטעהט בלויז אויף דער תורה, דער וואָרט — בראשית — מיינט דאָך בשביל התורה שנקראת ראשית דרכו.

נאָר אויב איינער האָט ניט קיין קאָפּ, און פארשטעהט ניט אז די תורה וויל בלויז גוטסקייט און יושר, דאן דארף מען איהם זאָגען אויסדריקליך אז די תורה וויל מען זאָל זיין א גומל חסד !

און דערמיט ווערט פארענטפערט די קשיה אויף די ווערטער אין רש"י ולפי שראוהו מצטער שלא היו אורחים באים הביא מלאכים עליו בדמות אנשים. איז דאך די קשיה! פארוואס האט זיך א"א געערגערט? ערגערען זיך איז דאך נאר פאסענד דארטען וואו מען ווייסט אז עס זיינען דא אומגליקליכע, אדער וואנדערער וואס האבען ניט וואס צו עסען, אבער אויב עס זיינען ניטא קיין נוים באדערפטיגע גאר אינגאנצען? איז דאך ניטא פון וואס צו ערגערען זיך, אדרבה דאס איז דאך א ברכה! אפס כי לא יהיה בך אביון (דברים-טו) און עס איז אויך זעהר שווער צו פארשטעהן אז מלאכים זאלען דארפען שפיעלען טעאטער? און פארשטעלען זיך פאר א חברה האבאס! עהרליכע אידען האבען דאך פיינט אקטיארסקע שפילערייען און האלטען אז א טעאטער איז א מושב לצים! טא ווי קומט דאס אז די מלאכים זאלען זיך פאר־נעמען מיט פארשטעלטע קונצען? עס איז דא (1) איין ענטפער אויף אט די אלע קשיות: אזוי ווי די (2) (עמודים) זיילען: תורה און עבודה איז דאך נאך דעמאלט ניט געווען פאפולער אויף דער וועלט, האט אברהם זיך שטארק געערגערט טאמער חו"ש די מדת החסד וועט ניט זיין? וועט חו"ש די וועלט חרוב ווערען!

דורך דעם וואס דער רבש"ע האט ארויסגעצויגען די פולע קראפט פון דער זון, האבען דאך קיין מענשען ניט געקאנט געהן, דאס אלץ האט געמוזט אזוי צוגעהן, כדי א"א זאל זיך דערפון אפלערנען אז הכנסת אורחים איז גרעסער פון — הקבלת פני השכינה — ווייל אויב — הכנסת אורחים — איז ניט גרעסער פון הקפה"ש? טא צו וואס האט דער רבש"ע געדארפט ארויסציהען די זון? ווען עס וואלטען געקומען אורחים? וואלט דאך א"א געוועזען אלץ איינס פטור פון זיי, ווייל ער איז פארנומען מיט דער מצוה פון הקבלת פני השכינה. וויבאלד אבער אז דער רבש"ע האט געמאכט א ספעציעלע היץ! איז א סימן אויב עס וואלטען יע קענען קומען אורחים? דאן מוז מען איבערלאזען דעם רבש"ע און לויפען אנטקעגען די אורחים, און ניט מיט'ן

פנים צו דער שכינה, נאר מיט'ן פנים אנטקעגען די אורחים. די גמ' זאָגט (חולין-קט) כל דאסר לן רחמנא שרא לן כוותיה, אסר לן דמא שרא לן כבדא — אקטיאָרסקע שטיק איז טאקע אסור! ווייל עס איז לצנות! אבער אמאָל איז דאָס מותר, (הוראת שעה) און די אקטיאָרען זיינען ווי אמת'ע מלאכים.

א איד א למדן האָט אמאָל געפרעגט דעם בעש"ט, וויבאלד אז די גמרא זאגט אז אלעס וואָס איז אסור איז דאָ אין דער זעלבער זאך א פונקט וואָס איז מותר, טאָ אויב אזוי, פרעג איך אייך רבי! ווי קען זיין מעגליך אז מען זאָל ניט דארפען זיין קיין בעל בטחון אין דעם רבש"ע? גאנץ געווים איז דאָס מעגליך, האָט דער בעש"ט געזאָגט, אפילו אין בטחון איז דאָס אויך מעג־ליך, אז מען דארף ניט זיין קיין — בוטח בד' — חאָטש דער פסוק זאָגט — והבוטח בד' חסד יסובבנו — (תה' לב) ווען עס קומט אן ארימאן און בעט מען זאָל איהם העלפען, פארלאָז זיך ניט אויף גאָט, אז גאָט וועט איהם העלפען, אויב א הונגעריגער בעט עסען, פארלאָז זיך ניט אז גאָט וועט זיך אויף איהם מרחם זיין, ווייל — ורחמיו על כל מעשיו — ניין, פארלאָז זיך ניט אויף גאָט! זיי ניט קיין בוטח בד'! נאָר העלף איהם דו אליין! פאר־לאָז זיך ניט אז די נויטליידענדע יתומים'לאך, אלמנות פון יוראָפּ וועלען פון הונגער ניט אויסגעהן, ווייל מיר דאָ אין אמעריקע וועלען זאָגען תהלים און מאכען זיי מי שברך, מיט ספּעציעלע תפילות פון דער אגודת הרבנים און פאסטען ספּעציעלע תעניתים און דורך גרוים בטחון און אויגען גלאָצעניש וועלען זיי זיכער פון הונגער ניט שטארבען, דו הערסט, יאנקעל! דאָס איז ניט אמת! בעסער שטעק אריין די האנט אין קעשענע און גיב צדקה! זיי ניט קיין בעל בטחון ווען מען דארף געבען צדקה.

א איד האָט אמאָל געזאָגט צו אן אָרימאַן, נא דיר (3) דאָלער געגען די „ארבעה בנים". סטייטש! טאָ גיט נאָך א פיערטען דאָלער. דער „חכם" גיט ניט, האָט דער גביר געענטפערט. רבותי, זייט ניט פון יענע חכמים.

משנה ד — יהי ביתך בית ועד לחכמים והוי מתאבק בעפר רגליהם והוי שותה בצמא את דבריהם

דרשה ד — להרמת קרן התורה

מיינע פריינדע! עס איז שווער צו פארשטעהן דעם אוים־דרוק פון — מתאבק בעפר רגליהם — וועל איך אייך דאָס געבען צו פערשטעהן דורך א משל. די תורה איז געקומען צום רבש"ע און זיך באקלאָגט: דו האר! פון דער וועלט, דו האָסט דאָך צוליעב מיר געגרינדעט די וועלט, און איך בין איינע פון די זיילען אויף וועלכע די וועלט שטעהט, אבער אז מען לערענט דאָך ניט קיין תורה, טאָ ווי אזוי קען זיך די וועלט האלטען? רופט זיך אָפּ דער רבש"ע, טאָכטערל מיינע! דער רב וועט לערנען תורה. איז געקומען די עבודה און זיך געקלאָגט אז מען דאווענט ניט! זאָגט דער רבש"ע דער הזן וועט דאווגען. איז דער גמילות חסדים געקומען מיט א געוויין, מען טהוט ניט קיין חסדים! געה, זאָגט דער רבש"ע, מען וועט געבען אין די שוהלען אומזיסט א שמעק טאבאק! סטייטש! האָט אָנעפאנגען דער גמ"ח זיך באקלאָגען, מיט א שמעק טאבאק פטר'סט דו מיך אָפּ? זיי ניט קיין נאר! האָט מען געענטפערט דעם גמ"ח וויפיעל דער רב לערענט און וויפיעל דער חזן דאוונט איז דאָס אפילו קיין שמעק טאבאק ניט ווערטה!

איז דאָך טאקע א קשיה, וויבאלד אז די וועלט האלט זיך אויף, אויף דער תורה! טאָ פארוואָס לערענט מען ניט? און איבערהויפט די רבנים, האָבען דאָך געווים גערדארפט לערנען, אן צום סוף זאָגט מען גאָר, אז זיי לערנען אזוי וועהניג אז עס איז אפילו קיין שמעק טאבאק ניט ווערטה.

דער ענטפער איז: די אידישע פאָלק איז געגליכען צו א וויינשטאָק — גפן ממצרים תסיע (תה"פ) אומה זו לגפן נמשלה (חולין־צב) א וויינשטאָק האָט אין זיך אלערליי שטענגעליך,

קלענערע און גרעסערע, און גראדע וואָס גרעסער עס איז דאָס שטענגעל, און וואָס מעהרער טרויבען עס איז דאָ אויף איהם, אלץ נידעריגער בויגט ער זיך, און האלט זיך קלענער פון די אנדערע. פריהער ווערט אָט די פרוכט פון וויינשטאָק צוטראָטען פונקט אזוי ווי מיט די פיס, אבער דערנאָך שפארט עס אָן אויף קעניגליכע טישען. די שטענגלאך טרויבען, דאָס זיינען די געלערענטע, די צווייגען, דאָס זיינען די בעלי צדקה פון פאָלק, די ליידיגע ריטלאך, דאָס זיינען די פוסטע לייט.

אט די פוסטע ריטלאך ! אָט זיי האָבען דאָס אָנגעמאכט דעם חורבן ! די ליידיגע ריטלאך זיינען געוואקסען ווי שוואוימען נאָך א רעגען. זיי האָבען זיך ארויסגעצייגט אלס א גרעסערער ערפאָלג אין מאכט און אזוי ריעזיג אין צאָהל, אז די פרוכט איז איינ־געשרומפען געוואָרען און זיך פשוט פארלאָרען. דאָס הייסט, די רבנים וואָס פארברענגען זייער צייט אין לערנען תורה, זיינען נעבאך גרויסע ארימע לייט, זיי ליידען דחקות און בזיונות, און אז א איד איז א יורד, זאָגט דאָך די גמ' (מג'־טז) כשהן יורדין יורדין עד עפר. דערפאר זאָגט דאָך דער תנא יוסי בן יועזר והוי מתאבק בעפר רגליהם, דאָס מיינט, מען זאָל העלפען די ת"ח וואָס פלאגען זיך צו לערנען תורה און ערנידעריגען זיך נעבאך צו דער ערד אום צו לערנען תורה, אבער א סך רבנים קענען זיך נים אזוי ערנידעריגען, לערנען זיי ווערניג און זוכען מעהר פרנסה. לא בשמים במי שמגביה עצמו ,לא תמצא לא בסחרנים ולא בתגרים (עירובין־נה). דער ת"ח וואָס איז ביי זיך נידעריג, קען דערררייכען זעהר א סך תורה, למה נמשלו דברי תורה לשלשה משקין הללו במים וביין ובחלב מה שלשה משקין הללו אין מתקיימין אלא בפחות שבכלים אף ד"ת אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה (תענית־ז).

אט דערפאר זאָגט דער תנא — והוה שותה בצמא את דבריהם — ווייל די תורה איז דאָך געגליכען צו וואסער און

וויין, אדער מילך, אט די אלע געטראנקען זיינען זעהר גוט צו ערפרישען דעם דורשטיגען מענשען. אט אזוי זאָלען מיר טרינקען די דברי תורה פון די ת״ח וואָס האלטען זיך נידעריג ביי זיך, מה מים מניחין מקום גבוה והולכין למקום נמוך אף ד״ת אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה (תענית-ז). צו האלטען זיך נידעריג דאָס העלפט זעהר פיל צו דעם וואָס וויל ווערען א למדן, אבער עס איז אך און וועה צו דעם יעניגען וואָס ערנידעריגט און פארשעמט דעם יעניגען וואָס לערענט תורה, וועגען דעם וועלען מיר לערנען אין צווייטען פרק (מש׳-יב) והוי זהיר בגהלתן שלא תכוה — א ת״ח איז געגליכען צו קוילען וואָס ווערען ארויס-גענומען פון א פייער, צייטענווייז קוקען אוים די קוילען קאלטע אָן א פייער, אבער אז א נארישער מענש דריקט עס אריין אין זיינע הענט, צובאקט ער שטארק זיינע הענט, ווייל אינוועניג אין די קוילען גליהט א פייער. און די גמ׳ (בכורות-לא) זאָגט, אז רב ששת איז אריין אין הקפדה) אָן אויפגערעגטען מאָמענט, האָט ער געזאָגט — מאן דעקיץ ליעקציה עקרבא. אט דאָס מיינט — ועקיצתן עקיצת עקרב, — דין איז אנאָדעל, איהר שטאָך איז אבער שטארק.

אן אפיקורוס האָט אמאָל געוואָלט אפלאכען פון א רב, רופט ער זיך אָן, רבי ! וואָס טהוט מען אז עס רייסט אָן א געשוויר אונטער׳ן ארעם, און דער דאָקטאָר הייסט צולעגען פוטער, מעג מען צולעגען צום פלייש פוטער ? רופט זיך אָן דער רב: זאָל דער געשוויר ביי דיר ווערען 60 מאָל גרעסער, וועט עס ווערען בטל בששים. אדער א ברוקלינער נאצי ציהט אוים די האנט, גיט דעם היטלער סאלוט צו א רב, און רופט זיך אן, רבאי ! ווי געפעלט אייך דער היטלער סאלוט ? ניט גוט ! רופט זיך אָן דער רב, אָנשטאָט אויסציהען א האנט, האָט איהר בעסער געדארפט אויסציהען די פיס, דאָס הייסט א מיתה משונה . . . א ירושלים׳ער רב האָט געהאלטען א רעדע לכבוד בעווין׳ען. האָט ער געזאָגט, בעווין איז א גרויסער שטאטס מאן ! ער איז א ביזטי, פיוריטי

און א סאקריפייס! רופען זיך אָן די צוהערער, דער ירושלים׳ער איז מסתמא אראָפּ פון זינען! אז ער קען אזוי זאָגען, און עפּעס איז דער ענגליש זיינער אויך ניט גוט צוזאמענגעשטעלט. פאר־לאָזט זיך אויף די ירושלים׳ער! האָט אַן אמעריקאנער רבאי גענטפערט, ער ווייסט וואָס ער זאָגט! די ווערטער: ביוטי, פיוריטי, און א סאקריפייס, מיינט, אין פּראָסט אידיש: א שעהנע, ריינע כפרה!

אָט דאָס מיינט — **והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה! דער לשון שותה מיינט, דו זאָלסט ניט צופיעל אומבייטען דעם לשון פון די חכמים, ווייל וואסער ווערט ניט צופיעל אומגעביטען נאָכ׳ן טרינקען.**

אין די ווערטער — והוי מתאבק בעפר רגליהם — איז דאָ נאָך א גליהענדער פונק פון א פערלדיגען געדאנק, ווען אפילו א ת״ח זאָגט וועהניג תורה, און זיין גאנצע תורה איז אזוי דין אז מען קען דאָס אזש אוועקבלאָזען אזוי ווי א שטויב, דאָך זאָלסטו חו״ש ניט אונטערשעצען די חכמה פון אזא ת״ח, ווייל די גמ׳ זאָגט (ע״ז־יט) שאפילו שיחת חולין של ת״ח צריכה תלמוד שנאמר ועלהו לא יבול. אָט דאָס מיינט והוי מתאבק!

אין דעם וואָרט — רגליהם — איז דאָ 2 אויסטייטשונגען: רגל מיינט א פוס, און רגל איז א לשון — רגילות — דאָס מיינט: זיי געוואוינט צו געהן מיט תלמידי חכמים, און איבערהויפּט מיט די ת״ח וואָס וואנדערען ארום א סך וואָס האָבען אויף זיך — אָבק הדרך — שטויב! אָט פון די ת״ח קען מען זעהר פיעל לערנען.

עס איז דאָ נאָך א פונקט אין דעם אויסדרוק פון — והוי מתאבק בעפר רגליהם — דאָס מיינט: דו זאָלסט זיך ניט האלטען גרויס געגען די ארימע וואנדערער.

און נאָך א זעהר וויכטיגען פונקט קענען מיר דאָ לערנען: מיר דארפען געהן אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון אונזערע חכמים ז״ל, אָט דאָס מיינט: והוי מתאבק בעפר רגליהם.

משנה ה — יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך ואל תרבה שיחה עם האשה

דרשה ה — און אפיעל פאר הכנסת אורחים

אַט דעם אויסדרוק — ויהיו עניים בני ביתך — דאַרף מען קענען פארשטעהן, צו וואָס דאַרף מען דאָס אז די „בני בית" זאָלען זיין ארימע לייט ? נאָר די גמ' (נדרים־פא) זאָגט הזהרו בבני עניים שמהן תצא תורה שנאמר (במדבר־כד) יזל מים מדליו (מסרת הש"ס) מדלים שמהן תצא תורה, פיעלע גבירים האָבען מורא צו נעמען אן ארימען באי פאר אן איידים, ווייל זיי דענקען אז דער וואָס איז ניט קיין געלט מענש, איז א שוטה.

א מיליאָנער האָט זיך אמאָל אָנגערופען צו זיין טאָכטער'ס חתן, זאָג מיר ! דו וואָלסט געליבט מיין טאָכטער אזוי שטארק, ווען זי וואָלט אפילו געווען אן ארים קינד ? האָט דער יונגער מאַן געענטפערט, געוויס ! איך זוך ניט קיין געלט ! אויב אזוי, ביזטו א שוטה ! און כ'דאַרף ניט אַט אזא איידים.

די גבירים האָבען ניט קיין באגריף אז גראָדע פון ארימע לייט קומען ארויס גרויסע וויסענשאפט לייטע, ווייל ווען גבירים וואָלטען ארויסגעגעבען פון זיך געלערענטע, וואָלטען זיי זיך צופיעל געגרויסט איבער די פאָלקס מענשען. אַט דער־פאר זאָגט דער תנא צו די גבירים, האָט ניט קיין מורא ! צו נעמען ארימע יונגע לייט פאר איידים'ס, ויהיו עניים בני ביתך !

עס טרעפט אמאָל אז דער גרויסער חכם קוקט אוים ווי אן — איש תם — און מענשען לאכען פון איהם, זיי דענקען אז ער איז א תם'עוואטער, אבער די ענדע איז אז מען זאָגט אויף איהם די זעלבע זאך ווי אויף יעקב'ן — בא אחיך במרמה (רש"י בחכמה).

אויף א רייזע פון ניו יאָרק קיין שיקאגאָ, באמערק איך, עס

זיצט געגען מיר אן עלעגאנטער דזשענטעלמאן און לייענט א בוך, אבער ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען צו זעהן אז ער האלט דעם בוך מיט די אותיות פארקעהרט. אָנפאנגס איז מיר דורך א געדאנק, אז דער מאן קען גאָרנים. נאר ער האלט א בוך בלויז ארוים צו צייגען זיך פאר אנדערע מענשען אלס א בוך מענש. איך האָב אבער באמערקט ווי דער מענש האָט גרוים אינטערעס אין די ווערטער, און עס נעמט איהם פונקט די נאָרמאלע צייט, פון איבערקעהרען די בלעטלאך. איך בין געוועזען אזוי פאר־גאפט ! אז איך האָב באשלאָסען צו ווערען מיט דעם מענשען באקענט, און דורך דעם אנטדעקען דעם (סוד) וואונדער, ווען איך האָב געגעבען א בליק אויף אינוועניג וואו דער מאן האָט געלייענט, האָב איך געזעהן ווי די אותיות זיינען טאקע גאָר נים פארקערט, נאר בלויז די טאָוולען זיינען פארקערט. איך האָב זיך נאָכדעם באקענט מיט דעם זעהר אינטערעסאנטען קלוגען מענשען. אויף מיין פראגע פארוואָס ער האָט די טאָוולען פון בוך איבערגעקערט ? האָט ער מיר דערצעהלט אז ער איז א גרויסער ביזנעס מאן. אלע מאָל ווען ער איז אויף א רייזע, קויפט ער אן אינטערעסאנטען בוך, רייסט גלייך אָפּ די טאָוולען, קערט זיי איבער, און פאנגט אָן לייענען, און זעהר אָפט פאראינטערעסירען זיך די מיטרייזענדע צו זעהן ווי אזוי א מענש קען אזוי לייענען א בוך פארקערט ? און אמוזירען זיך. דורך אָט דעם צופאל שליסט ער זעהר גוטע באקאנטשאפטען, און טהוט זעהר פיעל ביזנעס. אט אזוי, מיינע פריינדע ! קוקען אוים די גרויסע תלמידי חכמים אין די אויגען פון — המון עם ! די אלגעמיינע מאסען דענקען אז די ת״ח לערנען דעם בוך פארקערט !

פיעל מאָל האָב איך געהערט אז דער עולם קריטיקירט אז די היינטיגע רבנים זיינען איבערגעקעהרטע, אז זיי דאַוונען נים גענוג, דאָס הייסט זיי פראווען נים קיין גאָטעס דינסט ! אבער דער אלגעמיינער עולם פארשטעהט נים אז גאָטעס דינסט, בא־

ציהט זיך ניט בלויז אויף געהן אין גאָט'ס הויז, גאָטעס דינסט מיינט אויך: געטליכע טהאַטען, העלפען די נויטליידענדע.

דער תנא האָט מיט די ווערטער געוואָלט אויסדריקען אז ניט נאָר זאָל מען זיין ברייטהארציג און גאסט פריינדליך צו ארימע געלערנטע, נאר אפילו פראָסטע פשוט'ע ארימע לייט! ניט נאָר — בית ועד לחכמים — נאָר — ויהיו עניים בני ביתך — און דערפאר האָט יונתן בן עמרם זיך ניט ארויסגעגעבען פאר א ת"ח, און האָט זיך איינגעשטויסען צו עסען ביי רבי'ן (ב"ב ח) ווייל בודקין לכסות ואין בודקין למזונות.

עס איז טאקע אמת אז אן ע"ה האָט פיינט א געלערנטען מענשען — גדולה שנאה ששונאין ע"ה לת"ח... (פס'-מט) אבער ניט אלע פראָסטע מענשען רופען זיך מיט'ן טיטול — עם הארץ — צווישען די פראָסטע מענשען זיינען דאָ צוויי קלאסיפיקיי־שאָנס, עס איז דאָ אזא גרופע וואָס גיבען א ת"ח קיינמאָל גאָר־ניט, און דערצו בילען זיי נאָך אויף איהם, דאָס זיינען שלעכטע „כלבים" וואָס בייסען, רייסען און בילען, אבער עס זיינען דאָ אזוינע פראָסטע אידען, וואָס העלפען ארויס די ת"ח, און גיבען זיי אויף צום לעבען, פונקט ווי די — עורבים — וואָס האָבען געשפייזט אליהו'ן והעורבים מביאים לו לחם ובשר (מלכים־א־יז) און אויך די הינט האָבען זיך באנומען מיט דרך ארץ, ווען אידען זיינען ארויס פון מצרים — לא יחרץ כלב לשונו — שמות־יא).

אָט דאָס האָט געמיינט יונתן בן עמרם מיט דעם זעלטענעם פערלאנג —פרנסני ככלב וכעורב — ד"ה איך בין פון דער גרופע וואָס בילען ניט אויף תלמידי חכמים. און איך בין נאָך זיי באהילפיג מיט פרנסה. ווי די עורבים. אויב איינער קען אפילו גאָרניט לערנען, אבער וויבאלד ער איז פון דער קאטע־גאריע וואָס יונתן בן עמרם האָט אויסגערעכענט ככלב וכעורב דארף מען צו איהם זיין גאסט פריינדליך!

וואָס פאר א פארבינדונג האָבען די ווערטער — ואל תרבה שיחה עם האשה — צו דעם מאמר — ויהיו עניים בני ביתך? גאנץ איינפאך! אז דער מאן ברענגט אהיים א פראָסטען ארימאן, איז די פרוי ניט צופרידען. גיט זי זיך א זאָג, צום מאן, ווען דו וואָלסט מיר געוועזען אָנגעזאָגט אז דו ברענגסט אן אורח, וואָלט איך געוועזען עפעס מעהרער אָנגעגרייט צום עסען. איז דער בעסטער ענטפער זאָגט אייער פרוי אט די 2 ווערטער. — ואל תרבה! דאָס מאכט ניט! דו דארפסט צו פיעל ניט אָנגרייטען! — שיחה עם האשה! אט די ווערטער רייד צו דער פרוי! אל תרבה!

אן אורח האָט אמאָל אין שוהל פרייטאָג צו נאכט אויפ־געהויבען זיין קאפאָטע און אָנגעפאנגען טאנצען. פרעגט דער עולם מיט פארוואונדערונג, וואָס איז דאָס פאר א שמחה? אדער פיעלייכט איז דאָס אזא מנהג אין דער לאנד פון וואנען דער ארימער איד קומט? עס איז ניט קיין שמחה! און ניט קיין מנהג! האָט דער איד געענטפערט. נאָר אזוי ווי איך זעה, זייט איהר דאָך אלע איידעלע אידען! און דאָך וויל מיך קיינער ניט נעמען צו זיך אויף דער שבת'דיגער סעודה. פארשטעה איך, אז דאָס איז צוליעב מיין הויכען וואוקס, דער עולם דענקט אז איך האָב זעהר א לאנגען בויך, און עס צו פיעל. אט דערפאר האָב איך אויפגעהויבען די קאפאָטע און טאנצענדיג צייג איך די פיס, זאָל דער עולם זעהן אז איך האָב בלויז לאנגע פיס, אבער א קורצען בויך און איך עס זעהר וועהניג.

די גמ' (ב"מ־פז) זאָגט כתיב קמח וכתיב סלת (בראשית יח) א"ר יצחק מכאן שהאשה צרה עיניה באורחים, יותר מן האיש, קען מען זאָגען אז די גמ' דרינגט אז אט פון דעם אליין וואָס מען דארף אויסרעכענען דער פרוי, וואָס פאר (אכיבוד) אן עסען זי זאָל געבען דעם ארימאן, דאָס אליין איז שוין א סימן, אז א פרוי איז ענגהארציג אין דעם הינזיכט פון געבען

ארימע לייט עסען. און עס איז דאָ נאָך א בעוואוסטע וואָרט אַז א פרוי איז נים צופרידען פון אורחים, טאקע דאָ פון די ווערטער — ואל תרבה ! עס איז מעגליך אז אברהם אבינו האָט געזאָגט — קמח — און שרה האָט געזאָגט — סולת — האָט א"א געזאָגט צו שרה'ן אל תרבה ! ניט ווי רש"י זאָגט — היא אמרה קמח (ב"מ-פז).

עס איז דאָ נאָך א פשט'ל, אין דעם — ואל תרבה שיחה עם האשה — עס טרעפט אז דער מאן ברענגט אן אורח, הויבט די פרוי אויף קולות, און וויל זיך קריגען, און אז א מאן מיט א פרוי קריגען זיך געהט דאָך די שכינה אוועק פון הויז, ווייל — איש ואשה זכו, שכינה ביניהן — לא זכו, אש אוכלת (סוטה-יז) (אז עס געהט אוועק די שכינה, דער יוד מיט'ן הא, בלייבט אש), איז די בעסטע עצה, דו זאָלסט אזא פרוי ניט ענטפערען —אל תרבה שיחה עם האשה ! ווייל, ומוצא אני את האשה מר ממות (קהלת-ה) דאָס מיינט אזא פרוי וואָס לאָזט ניט געבען אן ארימאן קיין עסען דאָס איז דאָך צדקה ! און צדקה איז דאָך תציל ממות, דער־פאר זאָגט דער תנא — האשה — מיט א — הא — חידיעה, ד"ה די באוואוסטע אשה, וואָס דער פסוק זאָגט דאָרטען אויך מיט א הא, און דאָס וואָס די שכינה געהט אוועק זאָל דיך אויך ניט אהרען, ווייל — גדולה הכנסת אורחין מהקבלת פני שכינה — הכנסת אורחין איז גלייך מיט השכמת בית המדרש. אבער עס איז גרעסער פון הקבלת פני השכינה (שבת קכז). איך וואָלט דאָ געזאָגט זעהר פיעל טעמים פארוואָס הכנסת אורחין איז גלייך מיט השכמת בית המדרש און גרעסער פון הקפ"ש, נאר איך אליין האלט אויך פון דעם — ואל תרבה שיחה — מען דארף קיין סך ניט רעדען !

אן אָרימאן האָט אמאָל געזאָגט צום סופער פון הכנסת אורחים בילדינג: לאָז מיך אריין נעכטיגען ! אויב ניט ? ווער איך א קעפּמייקער און אז איך וועל ווערען א קעפּמייקער, וועלען אלע בלייבען אָן קעפּ, אזא שלים מזל בין איך !

פרק ב, משנה א

הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה, דע מה למעלה ממך, עין ראה, ואזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים

דרשה ו — די באדייטונג פון ווערטער — אדער פירוש המלות

די ווערטער — וכל מעשיך בספר נכתבים — דארף מען קענען פארשטעהן, און איבערהויפט דארף מען וויסען: וואָס צו ענטפערען דעם מענשען, וואָס וויל קריטיקירען און אָפּלאכען, סטייטש! אין הימעל איז דען פאראן טינט און פאפיער? זיצען דען דאָרטען בוך האלטערס וואָס פערשרייבען יעדער עבירה? זאָגט מיר, איך בעט אייך, פיליכט ווייסט איהר ווי גרויס זיינען יענע ביכער? עס זיינען דאָך דאָ ר״ל אזוי פיעל עברות.

מען האָט אמאָל געפרעגט א פרומען אידען פארוואָס ער אליין טהוט אויך אמאָל אן עבירה, סטייטש, ר׳ איד! ווי קומט דאָס אזא נארישקייט צו אייך? האָט דער איד געענטפערט, די גמ׳ (יומא־פו) זאָגט, גדולה תשובה שבשביל יחיד שעשה תשובה מוחלין לכל העולם כלו... שנאמר... כי שב אפי ממנו... ד״ה אז צוליעב איין בעל תשובה איז גאָט מוחל דער גאנצער וועלט. מוז איך פריהער זינדיגען, כדי איך זאָל נאָכדעם קענען תשובה טהאָן. היינט וויבאלד אז אפילו די פרומע זינדיגען אויך, טאָ ווי אזוי קען מען אט די אלע עברות ארייינשרייבען? און פאר אלעם אָפּצאָהלען מיט א רעכענונג נאָך די מעשים נאָך. היינטיגע צייטען

פרעגען אט די קשיה זעהר פיעל מענשען. אויב עס איז דאָ אויף אלע מענשליכע מעשים א חשבון ? טאָ פארוואָס האָט מען גע׳הרג׳עט עהרליכע אידען ? זעקס מיליאָן אידען האָט מען דאָך גע׳הרג׳עט מיט מיתות משונות ! און פיעלע פון די מערדער זיינען דאָך נאָך ביז היינטיגען טאָג אויף דער פרייהייט, אומבא־שטראָפט, אזוי ווי איהר זעהט מיינע פריינדע ! איז דאָס א פראגע פון גרויסען פארנעם, און עס מאטערט מיין מח, און א סך פון אנדערע מחות שוין פון לאנגע יאָהרען.

נאָר מיר וועלען טייטשען די ווערטער — וכל מעשיך בספר נכתבים — גאָר אנדערש, דאָס מיינט: אויב דו ווילסט וויסען וועלכע מעשים אן עהרליכער און גוטער איד דארף טהאָן ? טאָ לערען די תורה ! ווייל די אלע גוטע מעשים זיינען שוין פאר־שריבען אין דעם ספר התורה, וכל מעשיך בספר נכתבים, דאן פאלען אויך אוועק די אלע פריהערדיגע קשיות.

די צרה איז אבער וואָס ניט אלע באגרייפען וואָס די ווערטער פון דער ספר תורה מיינען ? דעם פירוש המלות ! דעם ריכטיגען מיינונג פון ווערטער.

דער שאגת ארי׳ איז אמאָל אנגעקומען אין דייטשלאנד. זיין אויבערמאנטעל פלעגט ער ארומבינדען מיט א פראָסטען שטריק, און אויף דער שטריק האָט ער געטראָגען א טעפעל מיט גרויפען. אט אזוי איז ער אריין צום מרא דאתרא אין הויז, און גיט א זאָג צו דער רבי׳צין, נא דיר מיין אייגענעם טעפעל מיט גרויפען ! און קאָך פאר מיר אָפּ א קאשע. די רבי׳צין האָט זיך דערשראָקען, זי איז גאָרניט געוועזען געוואוינט צו זעהן אזא פארשוין מיט א שטריק ארום זיך, און רעדט צו איהר עפעס אזוי ווי צו זיינס א גלייכען. זי האָט אריינגערופען דעם רב, עס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען זיי א שמועס אין טיפער חכמה און תורה. אז דער רב האָט געזעהן, אז דער איד צייגט אויף א געוויסען פונקט אין הלכה מיט וועלכען ער שטימט ניט איין,

רופט ער זיך אן צום אידען, אט דא אויף דער פאליצע שטעהט דער ספר שאגת ארי׳, און דער שאגת ארי׳ זאגט דאך ניט אזוי. ווי איהר זאגט, אז דער שאגת ארי׳ שטעהט אויף דער פאליצע, איז ער א שאגת ארי׳! און אז ער שטעהט אויף די פיס, איז ער ניט קיין שאגת ארי׳? האט דער שאגת ארי׳ אויסגערופען. אפילו דער גרויסער למדן, דער רב, האט ניט באגריפען די ריכטיגע מיינונג פון דעם וואס דער שאגת ארי׳ האט געשריבען אין זיין ספר. די גרויסע תנאים האבען אלעמאל דעבאטירט אין דער אויסטייטשונג פון די ווערטער, אזוי לאנג ווי דער אויסטייטש איז נאר לאגיש, מענשליך, עס ברענגט דעם מענשען צו גוטע מדות, און גלויבען אין אחדות הבורא, אין השגחה פרטית און שכר ועונש, דאן איז דער אויסטייטש פון ווארט אזוי וויכטיג, ווי די רייד פון דעם רבש״ע — דברי א-לקים חיים הן (עירובין-יג).

עס איז טאקע אמת אז די וועלט פרעגט, אויב עס איז אלעס מיט אחשבון? טא פארוואס זעהען מיר ווי דער וועג פון רשעים באגליקט? און די צדיקים ווערען זעהר אפט געפייניגט? די גמ׳ (ברכות-ז) פרעגט דאס און ענטפערט צדיק וטוב לו צדיק גמור צדיק ורע לו צדיק שאינו גמור וכו׳.

מיר קענען זאגען אז רבי הקדוש האט טאקע דא אין דער משנה דאס פאלעמיזירט, איזו היא דרך ישרה? וועלכער איז דער לאגישער וועג וואס ברענגט צו פארשטעהן דעם רבש״ע׳ס גבורות און ווי אזוי צו דינען איהם אן צווייפעל און אן ספק. דער וועג איז — שיבור — דער מענש זאל זיך אויסלעדיגען — שיבור — איז א לשון, בור-ריק, דער מענש דארף זיך אויסלעדיגען פון דעם כאראקטער פון צו זוכען צו געפעלען יענעם. ער דארף זיך אויסלעדיגען פון דעם — תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם, דער וואס זוכט צו מאכען זיך שעהן אין די אויגען פון מענשען, אט דער מענש קען ניט דיענען גאט מיט אן אמת, און איז אין אלגעמיין ניט קיין אידעאליסט, אום צו זיין אן — עובד ד׳ —

און פארשטעהן גאַט'ס דרכים, דארף מען ניט האָבען קיין אנדער זאך אויפ'ן קאָפּ, נאר נאָכאנאנד פאַרשען גאָט'ס וועגען.

א גרויסער צדיק האָט אמאָל געזאָגט צו זיינע חסידים, אז ער וויל געהן זעהן דעם קונצענמאכער וואָס מען האָט וועגען אים אנאָנסירט אז ער וועט טאנצען אויף א שטריק. סטייטש! האָבען זיך די חסידים געוואונדערט, ווי פאסט עס פאר'ן רבי'ן צו שטעהן דאָרטען אויפ'ן מארק צווישען די בעלי עגלות און פערד יונגען. אבער עס האָט גאָרניט געהאָלפען קיין שום טענות, און דער רבי מיט זיינע הויפט חסידים זיינען געשטאַנען און זיך אויפמערקזאם צוגעקוקט ווי דער קונצענמאכער געהט אין דער הויך אויף א שטריק. ווען די נאָהענטע פריינד פונ'ם רבי'ן האָבען איהם געפרעגט וועגען דעם רבינ'ס פאראינטערעסירען זיך אזוי שטארק אין דעם קונצענמאכער? האָט דער רבי געענטפערט אז מען קען זיך פון אָט דעם קונצענמאכער לערנען ווי אזוי צו דאווגען.

דער קונצענמאכער ריזיקירט דאָך זיין לעבען צוליעב עטליכע דאָלער, אבער בשעת ער געהט אויפ'ן שטריק, פאר־געסט ער אין אלץ וואָס איז ארום איהם, ווייל זאָל ער אויף איין סעקונדע זיך פארטראכטען און אוועקנעמען זיין געדאנק פון דער שטריק, וואָלט ער גלייך אראָפּגעפאלען און עס וואָלט פון איהם געוואָרען א בינטעל ביינער, אט אזוי דארף אויך זיין דער וואָס איז אן — עובד ד', — חאָטש ער וויל בעטען אויף פרנסה, דאָך בשעת ער דאווענט דארף ער קיין איין מאָמענט ניט פארגעסען אז ער שטעהט פאר'ן רבש"ע! אט דאָס איז דער ריכטיגער מיינונג פון די ווערטער — דע מה למעלה ממך! און פונקט ווי א מענש קען ניט פערשטעהן דעם שכל ווי אזוי גאָט האָט באַ־שאפען אז — עין רואה — אז אן אויג זאָל זעהן, און אן אויער זאָל הערען, אט אזוי קען א מענש ניט פערשטעהן ווי אזוי דער

רבש״ע פיהרט זיין וועלט ? און ווי אזוי אלעם ווערט פארשריבען און פאר אלעם באצאהלט — מדה כנגד מדה —

האטש מיר באגרייפען דאס ניט, ווייל מיט אונזערע אויגען זעהען מיר זעהר אפט ווי אזוי די עהרליכע מענשען ווערען פאר־פאלגט און געפייניגט ר״ל ! נאר אז מיר זאלען זיך גוט צו קוקען ווען מיר זעהן אז די גרויסע צדיקים האבען אלע מאל געפרעגט אט די קשיה, דער בארדיטשעווער זצ״ל פלעגט זינגען, וואס האסטו זיך אנגעזעצט אויף אידען ? אבער צו גרייכען אזא מדרגה פון א בארדיטשעווער צדיק, אז מען זאל קענען פרעגען ביי דעם רבש״ע קשיות, דארף מען זיך אויסלעדיגען פון פאנטאזיעס, פון אבערגלויבעריי, און פון די אלע זאכען וואס עס קוקט אוים בלויז שעהן פאר׳ן מענשליכען אויג — שיבור לו האדם כל שהיא תפארת — לעדיגט זיך אוים פון תפארת !

ביי אונז זיינען דא לעדיגע, פוסטע, שעהנע ווערטער: רחמנות, רעליף, אהבת חסד, רודף צדק, אבער אין דער אמת׳ן מאכען זיי גאר א לעבען פון אידישע צרות — וימררו — פון אידישע צרות און ביטערניש, איז חייהם ! מאכען זיי א לעבען. לעדיגט זיך אוים פון אט די לעדיגע ווערטער ! די אויסערליכע שעהנקייט „שקר החן והבל היופי״.

עס איז דא נאך א געדאנק אין די ווערטער פון דער משנה. אין דאוונען זאגען מיר פריהער — ללמוד און נאכדעם — ללמד. אבער אין פראקטישען לעבען ווילען מיר אלעמאל זיין פרעדיגער און לערנען יענעם, נאך איידער מיר קענען אליין. דערפאר זאגט דער גרויסער רבי ! אז דער בעסטער וועג אין לעבען איז, אז דער מענש זאל פריהער אליין זיין שעהן אין זיין אייגענעם כאראקטער, פריהער זאל ער זיין — כל שהיא תפארת לעשה ! און נאכדעם קען ער לערנען אנדערע מענשען — תפארת לו מן האדם !

משנה ד — עשה רצונו כרצונך כדי שיעשה רצונך כרצונו, בטל רצונך מפני רצונו כדי שיבטל רצון אחרים מפני רצונך.

דרשה ז — טהו פאר׳ן אָרימאַן, ווי פיעל דו ווילסט פאר זיך אליין.

דאָ איז פאראן 2 קשיות, פארוואָס האָט רבן גמליאל משנה געוועזען אין דער סוף משנה דעם לשון, און ער זאָגט שיבטל רצון אחרים? פארוואָס זאָגט ער ניט ווי אין דער רישא — רצונו? און עס איז אויך קשה צו וואָס דארף ער זאָגען איינגאנצען דעם בטל רצונך? עס איז דאָך זעלבסט פארשטענדליך אז מען דארף טהון גאָטעס רצון, פארשטעהט מען דאָך אז אנדערש קען מען ניט טהאָן גאָט׳ס רצון, סיידען מען צעברעכט די אייגענע תאוות און פערלאנגען און מען לאָזט זיך ניט פיהרען פון דעם לוסט און חשק וואָס די אויגען שטרעבען נאָך זיי, ד״ה — ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם.

אזוי ווי דער מאמר באהאנדעלט דעם גרעסטען ענין אין דער וועלט, דעם געדאנק פון דערגרייכען אז רער רבש״ע זאָל טהאָן אלעס וואָס מיר פערלאנגען פון איהם, טאָ לאָמיר זיך גוט ארום טראכטען אין דעם אויסטייטש פון אָט די ווערטער, ווייל עס איז דאָ נאָך א קשיה! מיר דארפען דאָך דינען דעם רבש״ע, שלא על מנת לקבל פרס, טאָ פארוואָס זאָגט רבן גמליאל, טהו גאָט׳ס רצון פונקט ווי דיין אייגענעם רצון, כדי דער רבש״ע זאָל טהאָן דיין רצון פונקט ווי ער טהוט זיין רצון? קומט דאָך אויס אז דער תנא רבן גמ׳ לערענט אונז צו דינען גאָט צוליעב שכר.

איך דענק אז איך קען ענטפערען די אלע קשיות מיט דעם מאמר פון (ברכות-ו) כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעין שנאמר סוף דבר הכל נשמע את הא-לקים ירא כי זה כל האדם (קהלת-יב) אמר ר׳ אלעזר אמר הקב״ה כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה.

ווי אזוי קען אמענש צוקומען צו דער מדרגה פון יראת שמים ? אז מען זאָל קענען אויף איהם זאָגען — כי זה ? ד"ה אז די גאנצע וועלט איז באשאפען געוואָרען צוליעב איהם ? עס זיינען דאָ 2 וועגען וועלכע פיהרען צו יראת שמים, דער ערשטער וועג איז: אז א מענש זאָל טהאָן די מצוות פון דער תורה מיט אזא חשק און מיט אזא שנעלען אימפולס, פונקט ווי ווען ער טהוט זיינע אייגענע נויטיגע זאכען, וואָס ער דארף טהאָן פאר זיך. עס איז טאקע א ביסעל זעהר שווער צו טהאָן אזוי, אבער דאָס איז נאָר פון אָנפאנג, אז ער געוואוינט זיך צו צו אזא דרך, דאן ווערט דאָס זיין גאנצער שטרעבען אין לעבען, און צו קיין אנדערע זאכען שטרעבט ער גאָרניט. אט דאָס מיינט — כדי שיעשה רצונך: דיין גאנצער רצון וועט זיין בלויז — כרצונו, דאָס וואָס גאָט וויל, דאָס איז דער ערשטער וועג פון יראת שמים.

אויב אבער דו קענסט עס ניט טהאָן ? עס איז צו שווער ! דאן איז אם וועהניגסטענס קענסט דו אָנפאנגען מיט א לייכט־ערען דרך, בטל רצונך ! ד"ה טהו ניט דאָס וואָס מען טאָר ניט, פארוואָס ? ווייל מחמת יראת שמים ! ווייל מפני רצונו ! ד"ה דו ווילסט פשוט ניט עובר זיין אויף גאָט'ס רצון, דורך דעם וועסטו גרייכען צו דער מדרגה פון — שיבטל רצון אחרים מפני רצונך — ד"ה פרעמדע מענשען וועלען דיך אויך פאָלגען, און ניט טהאָן קיין שלעכטס. ווייל — כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעין, דו וועסט זיין פון דער קאַטעגאָריע — כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו (פ"ק־ח, מש' יט).

דורך אט דעם אויסטייטש פון דער משנה פאלען אראָפּ אלע קשיות, — כדי שיבטל רצון אחרים — דאָס מיינט: אז דער וואָס איז א גאָט'ס פאָרכטיגער מענש, און ברעכט זיינע תאוות, קען ווירקען מיט זיינע רייד, אויך אויף אנדערע מענשען, אז זיי זאָלען ברעכען זייער לוסט נאָך געלט און נאָך כבוד.

אזוי ווי איך האָב אמאָל געזאָגט צו א קארגען גביר, ברעכט

אייער קארג. סטייטש ! האָט דער גביר אויסגעשריען, א רב זאָל זיך שעלטען ? שרעקט זיך ניט ! האָב איך איהם געזאָגט, עס איז ניט קיין קללה, נאר א ברכה ! איך מיין ניט איהר זאָלט ברעכען דעם קארק ! נאר איך מיין איהר זאָלט ברעכען אייער קארגשאפט, אייער תאוה צו געלט !

און אזוי פאלט אראָפּ די קשיה פארוואָס מען דארף האָבען דעם מאמר פון — בטל רצונך — האָטש דער תנא זאָגט שוין — עשה רצונו — ווייל דאָס זיינען 2 וועגען ווי צו דינען גאָט. און עס איז דאָ אויך ניטאָ מעהר די קשיה פון — ע"מ לקבל פרס, ווייל דאָס איז ניט קיין שכר, עס איז גאָר א דרך צו עבודת השי"ת.

די תורה זאָגט אז יעקב אבינו האָט געלעגט שטיינער אונטער זיין קאָפּ. איז דאָך שווער צו פערשטעהן פארוואָס האָט ער גראדע אויסגעקליבען צו לייגען זיין קאָפּ גראדע אויף אזא הארטע זאך ווי שטיינער ? נאר וואָס דען ? מען קען זאָגען אז די תורה וויל אונז לערנען אז יעקב אבינו האָט אריינגענומען אין קאָפּ דעם געדאנק ווי ווייט א איד דארף זיך לאָזען מפקיר זיין אויף דער תורה. ער האָט אריינגענומען אין קאָפּ די עקדה פון זיין פאָטער יצחק'ן, און די שטיינער פון מזבח. אט דאָס מיינט: ויקח מאבני המקום, אט די שטיינער האָט ער אריינגענומען אין קאָפּ אריין. דאָס איז דער דרך, וועג, ווי אזוי מען קען צוקומען צו טהון גאָט'ס רצון. און אָט אזוי האָט משה רבינו גענומען די פייערדיגע קוילען אין מויל, ד"ה אז ער וועט מיט זיין מויל מלחמה האלטען געגען די רשעים וואָס ווילען ברענען די תורה מיט דער פאָלק פון דער תורה.

מיר וועלען דאָס פערשטעהן דורך א משל. אין די מלחמה יאָהרען האָט א איד געוואָלט שיקען צו זיין פאמיליע אין יוראָפּ געלט, אבער עס איז ניט געוועזן קיין פאָסט פארבינדונגען. האָט זיך געמאכט אז איינער איז געפאָרען אין יוראָפּ. האָט דער איד

געגעבען דעם אידען טויזענט דאָלער, און זיך אָנגערופען צו איהם, איך ווייס דאָך די סכנה מיט וועלכער אייער רייזע איז יעצט פארבונדען, אבער אזוי ווי מיין פאמיליע האָט דאָך נויטיג די עטליכע דאָלער, טאָ טהוט אזוי, איהר גיט פון די טויזענט דאָלער צו מיין פרוי וויפיעל איהר ווילט, און ווער קען אייך דען אונטערזוכען וויפיעל געלט איהר ווילט איהר געבען? דער איד האָט אנגענומען דעם פאָרשלאג! קומענדיג אהיים, האָט ער אלץ געטראכט ביי זיך וויפיעל געלט ער זאָל געבען יענער פרוי? פון דער נאטור איז ער גראדע געווען אן אָרענטליכער מענש. האָט ער פון אָנפאנגס באשלאָסען צו געבען איהר 900 דאָלער, אבער וואָס א מינוט שפעטער האָט ער אלץ געהאלטען אין איין ענדערען זיין מיינונג, ביז עס איז ביי איהם אזוי אראָפּגעפאלען דער פרייז ביז 25 דאָלער און מעהר וויל ער דער פרוי פון די גאנצע טויזענט דאָלער וואָס איהר מאן האָט איהר געשיקט נים געבען. די תשוקה און לוסט נאָך געלט, האָט איהם פשוט פאר־בלענדעט די אויגען. ער האָט גערופען דער פרוי צו זיך אהיים, און איהר איבערגעגעבען די 25 דאָלער מיט א בריעף פון איהר מאן אין אמעריקע.

ווען די פרוי האָט געגעבען דעם שמש פון שוהל דעם בריעף אז ער זאָל איהר איבערלייענען, איז זי ערשטוינט געוואָרען. סטייטש, דאָרטען שרייבט דאָך דער מאן אז ער שיקט איהר א גאנצען טויזענדער? זי האָט געחלש'ט! ענדליך מען האָט גערופען אט דעם — צדיק — צום רב. דער רב האָט געהייסען איינלייגען די געלט. און דער איד האָט מיט גרויס שטאָלץ איינ־געלייגט די געלט, ער איז דאָך געווען זיכער ביי זיך אז ער וועט דאָס קריגען צוריק, ווייל ער האָט געהאט ביי זיך א געשריבענעם דאָקומענט אז ער דארף איהר געבען בלויז וויפיעל ער וויל אליין. דער רב האָט אויסגעהערט ביידע צדדים, גוט באטראכט דעם דאָקומענט און געפסק'ענט האָט ער אז 975 דאָלער זאָל נעמען די פרוי, און 25 דאָלער פון דעם געלט זאָל נעמען דער

מאן וואָס האָט געבראכט די געלט. סטײמש ! האָבען זיך אלע געוואונדערט, און דער מאן האָט געשריען, וואס איז דאָס ? איך דארף דאָך איהר געבען בלויז וויפיעל איך וויל אליין. אָט אזוי איז עס טאקע, האָט דער קלוגער רב געענטפערט, אָט פונקט וויפיעל דו ווילסט פאר זיך אליין, אָט אזוי פיל דארפסטו איהר געבען. און דו ווילסט דאָך 975 דאָלער פאר זיך, טאָ גיב זשע איהר אָט די 975. דער מאן וואָס האָט געשיקט די געלט האָט גוט פאר־שטאנען די פסיכאָלאָגיע פון דעם פויגעל דורך וועלכען ער האָט געשיקט טויזענד דאָלער צו זיין ארימע פאמיליע.

אָט אזוי, מיינע פריינדע ! זאָגט דער תנא רבן גמליאל — עשה רצונו כרצונך — אָט אזוי ווי פיעל איהר ווילט פאר זיך, אָט אזוי פיעל טהוט פאר דער תורה און פאר דער מצוה פון צדקה !

פארוואָס דער תנא איז משנה דעם לשון ביי — בטל רצונך, און זאָגט כדי שיבטל רצון אחרים און ער זאָגט ניט — כדי שיבטל רצונו ? איז דאָ נאָך א טיפזיניגער געדאנק. א איד זאָל זיך קיינ־מאָל ניט איינשמועסען אז ער קען אויסבעטען אז דער רבש״ע זאָל מיט איהם טהאָן נסים ! ווייל דאָס איז די ארבייט פון דעם יצר הרע, ער רעדט איין דעם מענשען אז ער קען ביי דעם רבש״ע אויסבעטען ער זאָל איהם ארויסהעלפען פון זיינע שונאים דורך נסים. אבער דער רבש״ע וועט דאָך ניט געהן צוליעב אלע שוטים ענדערען די וועלט. און אז דער מענש פאלט דורך מיט זיין תפלה צו גאָט, און דער רבש״ע צייגט איהם ניט קיין נסים, דאן הויבט איהם אָן דער יצר הרע איינרעדען, דו זעהסט דאָך אז גאָט העלפט דיר ניט ! פאָלג מיך ! עס איז גאָר נישט ניטאָ, גלויב ניט ! דער־פאר זאָגט דער תנא — בטל רצונך ! בעט ניט אויף קיינע נסים, כדי שיבטל רצון אחרים ! אחרים — מיינט מען: דעם יצר הרע וואָס וויל פון דיר מאבען אן אפיקורוס, אזוי ווי מען האָט גערופען דעם תנא אלישע — אחר !

קהלת (יב) זאָגט — והגיעו שנים אשר תאמר אין לי בהם

חפץ — קען מען זאָגען אז דאָ אין דעם פסוק ווערט אויסגעדריקט אט דער געדאנק פון דער משנה פון — בטל רצונך — אויב דו וועסט געדענקען צו מבטל זיין דיין רצון צוליעב דעם בורא עולם נאָך אין דיינע יונגע יאָהרען, דאן וועסטו מיט דער צייט אליין ניט וועלען טהאָן קיין שום זאך וואס גאָט וויל ניט — והגיעו השנים — די וועסט גרייכען צו אזוינע צייטען וואס דו וועסט זאָגען — אין לי חפץ ! איך וויל ניט זינדיגען ! און דיין גאנצער פארלאנג וועט זיין צו טהאָן צדקה און העלפען ארימע לייט.

א קאָזאק האָט געזעהן ווי אן ארימאן האָט געבעטען א שטיקעל ברויט. נעמט דער קאָזאק און שטעכט ארויף א ברויט אויף׳ן באיאָנעט און זאָגט צום אידען, נא דיר, אָט האָסטו ברויט, עס פון דעם באיאָנעט. יעדען מאָל ווען דער ארימאן האָט געגעבען אבים, האָט דער קאָזאק געגעבען א שטאָך און דער ארימאן האָט געגעסען ברויט מיט בלוט. רבותי ! זייט ניט קיין קאָזאקען.

שטעכט ניט דעם ארימאן דורך מיט אייערע אויגען, ווען איהר גיט איהם א שטיקעל ברויט !

מיר לערנען (אין משנה יז — פ״ק א׳) ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה, (מנחות עב) בין כך ובין כך אומר לו הוי פקח ושתוק. די וועלט זאָגט אויך אזוי: שווייגען איז גאָלד, אבער ווען אן ארימאן בעט ביי אייך איהר זאָלט איהם העלפען, דאן איז שווייגען ניט קיין גאָלד ! נאר איינפאכע סעלפישקייט !

הכנסת אורחים איז גרעסער פון קבלת פני שכינה, ווייל ביי קבלת פני שכינה האָט משה רבינו באהאלטען זיין פנים, אבער אז מען זעהט אן ארימאן, באהאלט מען זיך אינגאנצען.

פארגעסט ניט, אז א מענש האָט 2 הענט, ער זאָל געבען מיט איינער וואָס ער באקומט אין דער צווייטער.

פרק ג, משנה א

עקביא בן מהללאל אומר הסתכל בשלשה
דברים ואין אתה בא לידי עברה.

דרשה ח — לצדקה ולחשבון הנפש

דאָ אין דער משנה זיינען פאראן פיעל קשיות, פארוואָס זאָגט דער תנא 2 מאָל די זעלבע ווערטער ? מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון. די גמ׳ (חולין-סג) זאָגט דאָך לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה. פארוואָס האָט עקביא בן מהללאל משנה געווען פון רבי׳ן ? רבי זאָגט דאָך אנדערע 3 זאכען וועלכע האלטען אָפּ א מענשען פון אן עברה, עין רואה, ואזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים. צו וואָס דארף דער תנא זאָגען דעם וואָרט — דע — אז ער זאָגט דאָך שוין — הסתכל ? צו וואָס דארף ער זאָגען לידי עברה ? פאר־וואָס זאָגט ער ניט — ואין אתה בא לעברה ? דער וואָרט — לידי — קוקט אוים איבעריג. פארוואָס זאָגט ער — דין — פריהער און נאָכדעם — חשבון ? פריהער דארף מען דאָך צו־זאמען רעכענען די מעשים פון מענשען, און נאָכדעם קען מען איהם באצאָהלען עפ״י דין. האָט דאָך דער תנא געדארפט זאָגען — חשבון ודין. וואָס איז דער אונטערשיעד פון — מאין — ביז דעם לשון — ולאן ? עס איז א מערקווירדיגע זאך אז כמעט אלע מפרשים זוכען צו פארענטפערען דעם — שנוי — פארוואָס עקביא האָט געמאכט פון רבי׳ס 3 זאכען ? איז עס ווייל ווען די

חכמים ז״ל האָבען געזאָגט צו איהם, עקביא חזור בך בארבעה דברים ונעשך אב בית דין לישראל. האָט עקביא זיי געענטפערט, מוטב לי להקרא שוטה כל ימי ולא ליעשות שעה אחת רשע לפני המקום שלא יהיו אומרים בשביל שררה חזר בו (עדיות פ״ק ה׳ משנה־ז).

אט פון דעם וואָס עקביא האָט געזאָגט — מוטב לי להקרא שוטה — קען מען לערנען פון דעם אז דער וואָס קעמפפט פאר׳ן אמת ווערט אוועקגעשטויסען פון דער באוועגונג און מען רופט איהם נאַר. איך אליין האָב דאָס דורכגעמאכט און אלס רב באַ־לאנג איך ניט צו קיין רבנ׳ישע ארגאניזאציע (האָטש עס איז דאָ איין (1) ארגאניזאציע פון רבנים וואָס מען מעג באלאנגען צו זיי).

אט דעם געדאנק האָט עקביא אויסגעשפראָכען דאָ אין דער משנה. א מענש דארף זיך ניט גרויס האלטען ביי זיך. ער דארף וויסען אז ער קומט ארויס פון זעהר אן אומריינע זאך. אבער צו דער זעלבער צייט דארף קיין מענש ניט ערנידעריגען זיך פאר אן אנדער מענשען, ווייל מיר אלע מענשען זיינען אלע גלייך. מיר קומען אלע ארויס פון דעם זעלבען אומריינעם פלאץ, און מיר געהען אלע צוריק, אלע גלייך, אין אן ארט פון ווערים און שטויב. אט דערפאר דארף א מענש האָבען אין זיך גענוג דרייסטקייט צו זאָגען דעם אמת, און ניט ווערען בטל פאר קיינעם ניט.

אָט דאָס האָט הלל געזאגט — אם אין אני לי מי לי — אז דער איך אליין איז אויך ניט ביי מיר אין האנט, היינט לעבט מען און מאָרגען שטארבט מען, טאָ ווי אזוי קען זיך א רייכער מאן האלטען גרויס, אז זיין אייגענער לעבען איז דאָך ניט ביי איהם אין זיינע הענט?

עס טרעפט פיעל מאל אז א מענש ווערט ארייגעפלאָנטערט

אין א קריעג, ווייל ער פיהלט גארניט אז דאס איז דורך זיין צופיעל שארפען אויסדרוק אין שפראך. די דרייסטקייט וואס עקביא האט ארויסגעצייגט געגען זיינע חברים, האט איהם כמעט געבראכט דערצו אז מען זאל איהם וועלען מנדה זיין. ווייל ווען ער האט געענטפערט צו זיינע חברים, אז שמעיה ואבטליון האבען דער גיורת, א — דוגמא — אנגעטרונקען, האבען זיי געדענקט אז ער מיינט דערמיט אז שמעיה ואבטליון זיינען א — דוגמא — צו דער — גיורת — ד"ה זיי זיינען דאך אליין אויך געוועזען גרים, הייסט דאך עס אז ער איז חושד די גרויסע צדיקים אין סעלפישקייט. צו פיעל דרייסטקייט קען אמאל ברענגען צו מיספארשטענדניש און אונאנגענעהמליכקייטען.

מיר וועלען עס פארשטעהן דורך פאלגענדען עפיזאד. ביים פרעמיער פון בעלגיע, מר. ספאק האט זיך זיין קאר צעבראכען ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג צו מעדיסאן סקוועער גארדען, וואו ער האט געדארפט האלטען א וויכטיגע רעדע. האט ער אפ־געשטעלט א טעקסי, און געבעטען דעם דרייווער ער זאל איהם נעמען צום מיטינג און איהם צוריק נעמען נאכ'ן מיטינג. דער דרייווער האט ניט געוואוסט ווער דער מאן איז ? האט ער געזאגט אז עס איז אונמעגליך ! ווייל ער וויל געהן אהיים און הערען אויפ'ן ראדיא דעם פרעמיער מר. ספאק. דעם פרעמיער איז דאס זעהר געפעלען געווארען וואס דער דרייווער ווייזט ארויס אזא גוטען אינטערעס אין איהם, און ער האט איהם געגעבען א גרויסען טיפ. דער טעקסי מאן האט גענומען דעם טיפ און געזאגט אויב אזוי איז צום טייוועל מיט ספאק'ן. ווען ווילט איהר איך זאל קומען נאך אייך ? דעם פרעמיער'ס שטאלץ איז באלד געבראכען געווארען.

כדי א מענש זאל ניט זיין ביי זיך צו דרייסט און צו שטאלץ, האט עקביא געגעבען דא דריי באזונדערע זאכען וואס א מענש דארף זיי אלעמאל וויסען, און ער האט דאס איבערגעזאגט 2

מאָל, ווייל עס ליגט שוין אזוי אין דער מענשליכער נאַטור, אז א מענש זאָל אלעמאָל טראַכטען וועגען העכערע ענינים, ער זאָל וועלען דערגעהן די סודות פון דער נאַטור. אבער די געוועהנליכע זאכען וואָס אלע וויסען, מעג דאָס זיין ווי נויטיג ? וועט ער דאָס פארגעסען !

א גרויסער געלערענטער האָט אמאָל אונטערגענומען אן עקספעדיציע צו די וויטע געגענדען פון אפריקע מיט'ן צוועק צו ציוויליזירען און אריינברענגען א ביסעל קולטור צווישען יענע האלב ווילדע שבטים. ער האָט גערעדט צו זיי אין זייער דיאלעקט, און האָט געטרייט צו צוציהען זייער אויפמערק־זאמקייט, זיי זאָלען זיך פאראינטערעסירען אין דער באוועגונג פון די פלאַנעטען, זיי זאָלען האָבען א באגריף ווי אזוי די זון שיינט, און פארוואָס עס איז פינסטער ? אן אלטער מאן פון א יאָהר 90 וואָס איז געוועזען דער פאָרשטעהער פון דעם שבט, האָט זיך אָפּגערופען, איך בין שוין אלט, און דאָך פיהל איך מיך זעהר געזונט און בעקוועהם, עס פעהלט מיר אבסאָלוט נים קיין פארגעניגען אין דער וועלט, און איך זעה ניט איין קיין שום נויטיגקייט צו וויסען אָט די אלע חכמות. אויף מאָרגען האָט זיך געמאכט אז עס איז דאָרטען קאליע געוואָרען די מיהל וואָס האָט געמאָלען די תבואה. האָבען זיך די פאָרשטעהער פון יענעם שבט געווענדעט צו דעם געלערענטען אז ער זאָל פאררכטען די מיהל. האָט דער געלערענטער געענטפערט אז ער איז ניט קיין מעכא־ניקער און דאָס קען ער ניט. דאָס האָט גאָרניט צו טהון מיט זיינע וויסענשאפטען. רופט זיך אָפּ צו איהם דער עלטערער פון שבט, וואָס טויג אונז דיינע וויסענשאפטען מיט דיין ציוויליזאציע ? אז א געוועהנליכען שטיקעל ברויט וואָס איז אזוי נויטיג צו דער־האלטען דאָס לעבען, ווייסטו ניט ווי אזוי צו דערגרייכען.

מיינע פריינדע ! איך זאָג אויך דאָס זעלבע, וואָס טויג אייך אזא קולטור און אזא ציוויליזאציע ? אז די יעצטיגע ציוויליזאציע

האט אנגעמאכט א חורבן אויף דער וועלט. 4 חלקים פון דער מענשהייט שמאכטען אין הונגער און אין נויט, אז מיר אלע מענשען קומען אלע גלייך ארוים פון דעם זעלבען נידעריגען ארט און מיר געהען אלע צוריק אין אן ארט פון שטויב און ווערים, דאס האבען מיר פארגעסען. דערפאר זאגט דער תנא עקביא צוויי מאל צו פארשטארקען אט די ווערטער, אז יעדער מענש זאל דאס מעהרער אין זינען האבען. יעדער זאך וואס איז 2 מאל געדאפפעלט איז דאס אום צו ערוועקען אינ'ם מענשען מעהרער אויפפאסונג אויף דער זאך צו אויספאלגען דאס. אט דערפאר זאגט די תורה ביי צדקה 2 מאל עשר-תעשר, נתון-תתן, פתח-תפתח.

אין די ווערטער — מאין באת — ליגט אויסגעדריקט דער געדאנק פון ר' יהושע דסכנין (מד"-בראשית-מח). די תורה זאגט — ויבן ד' א-לקים את הצלע, דער ווארט — ויבן, איז א לשון — הבנה, ד"ה דער רבש"ע האט באטראכט פון וואנען צו באשאפען דיי ערשטע פרוי, אויב פון קאפ ? וועלען פרויען שטאלצירען און פאראדירען צו פיעל מיט'ן קאפ. אויב פון אויג ? וועט זי צופיעל ווינקען מיט די אויגען. אויב פון אויער ? וועט זי זיך צופיעל אונטערהערען צו רכילות. אויב פון מויל ? וועט זי רעדען צופיעל, אויב פון הארץ ? וועט זי צופיעל מקנא זיין, אויב פון האנט ? וועט זי צופיעל נעמען. אויב פון פוס ? וועט זי צופיעל שפרייזען מיט די פיס. האט ער זי באשאפען פון א פארשטעלטען טהייל פון אדם'ס קערפער. אבער דאך האבען פרויען צעשטערט דעם פלאן. דער נביא ישעיה זאגט ותלכנה נטויות גרון, ומשקרות עינים, הלוך וטפוף תלכנה וברגליהן תעכסנה. זיי שטאלצירען מיט זייערע אויסגעשטרעקטע העלזער, די קעפ צופיעל אין דערהויך, זיי ווינקען מיט די אויגען און ריפען מיט די פיס. אפלו די מוטער שרה האט זיך אויך צוגעהערט דארטען וואו מען האט צו איהר ניט גערעדט, ושרה שומעת פתח האהל. רחל האט מקנא געווען איהר שוועסטער, ותקנא רחל באחותה. און דינה

האָט צופיעל געשפרייזט מיט די פיס, ותצא דינה. און אין דער אמת׳ן האָט רחל ניט געזאָגט קיין ליגען ווען זי האָט געזאָגט צו לבן׳ען — לא אוכל לקום מפניך כי דרך נשים לי — זי האָט געמיינט פשוט: איך האָב גענומען די תרפים, ווייל איך בין דאָך פון נאטור אזוי ווי אלע פרויען, וואָס האָבען ליעב צו טהאָן אזוינע זאכען . . . דאָרטען וואו מען בעט אונז ניט. אט דערפאר האָב איך צוגענומען די תרפים, ווייל איך וויל דיך פארמיידען פון — עבודה זרה, אבער לבן האָט געמיינט אז זי זאָגט זי איז פיזיש יעצט קראנק אויף דער פרויען קראנקהייט.

אט דאָס זאָגט עקביא: דע מאין באת ? א מענש דאַרף וויסען פון וואנען ער איז באשאפען געוואָרען ? דער רבש״ע האָט אָנגעווענדעט אין דעם באשאפען פון דעם מענשען פיעל חכמה, יצר את האדם בחכמה — ער האָט געזוכט אלע מיטלען צו באשאפען דעם מענשען פון אזא סאָרט מאטעריאל אז ער זאָל קענען אויסוואקסען זעהר גוט און שעהן מיט אלע גוטע מעלות. דאַרף דער מענש ניט צושטערען גאָט׳ס פלאן. און אויב אז דער באטראכט פון — מאין באת, איז צו שווער צו באגרייפען פאר א געוועהנליכען מענשען, דאן זאָל ער האַטש באטראכטען דעם — לאן אתה הולך ? ניט אלעמאָל איז דער מענש ביי זיך אין דערהיים, ניט אלע מאָל איז — בשבתך בביתך — עס קומט אמאָל א צייט ווען — ובלכתך בדרך — ד״ה דער מענש שטארבט און דאַרף געהן אין דעם וועג פון וואנען מען קומט ניט אזוי שנעל צוריק. נאר עס איז — ובשכבך ! מען דאַרף ליגען אין א קבר; אן ארט פון שטויב און ווערים. אפילו ווען מען לייגט אריין דעם טויטען אין דעם בעסטען קאסטען, אפילו אין אן אייזערנעם ארון, קען דאָך דאָס ניט פערמיידען די ווערים פון זיין גוף, ווייל פון דעם גוף אליין ווערט דאָך ווערים. דוד המלך ע״ה האָט אָנגעזאָגט זיין זון שלמה׳ן — לאמר אנכי הולך בדרך כל הארץ (מלכים-א) טאָ צו וואָס דאַרף דער פסוק זאָגען — לאמר ? נאר דהע״ת

האָט אָנגעזאָגט זיין זון שלמה'ן, דעם גרעסטען חכם, אז — לאמר! ער זאָל אלעמאָל זאָגען דער וועלט פון דעם — לאן אתה הולך ?

אין דער תורה איז אויך מרומז אָט דער מאמר מאין באת וכו׳, 2 מאָל איינמאָל אין וישלח, לאמר למי אתה, ואנה תלך, ולמי אלה לפניך. און דעם צווייטען מאָל אין דער סדרה שמות — וראיתן על האבנים — דאָס מיינט: מאין באת — און (2) מאָל דער וואָרט — וראיתם — וראיתם את הארץ און — וראיתם אתו ביי ציצית (שלח). עס איז מערקווירדיג אז אין (וישלח) זאָגט אויך די תורה דעם וואָרט — לאמר ! למי אתה, ואנה תלך ולמי אלה לפניך, ד"ה אז די תורה איז מרמז אז מען זאָל אלע מאָל זאָגען אָט די דריי זאכען וואָס עקביא זאגט. לאמר ! אין יעדען ווארט וואָס די תוה"ק זאָגט, ליגט אין דעם די גרעסטע חכמה,

אויף צו פערשטעהן ווערטער אין אלגעמיין דארף מען אויף דעם האָבען שלמה המלך'ס חכמה. למשל, פארוואָס רופט מען אין אמעריקע א פרוי — מיסעס ? ווייל זי מישט אוים פליישיגס מיט מילכיגס. אָט דערפאר זאָגט דער תנא — דע און הסתכל — דער וואָרט — הסתכל — מיינט: אז נאָכדעם ווי דו ווייסט שוין, זאָלסטו ערשט נאָכאמאָל אנאליזירען די ווערטער, זיך צוקוקען צו זייער שרש, ווי אזוי זיי זיינען צוזאמענגעשטעלט. נעמט, צום ביישפיעל, דאָס וואָרט — ווינט, וואָס מיינט — ווינט ? ווינט מיינט: לופט וואָס האָט קיין צייט ניט.

א ישיבה בחור האָט אמאָל באגעגענט זיינעם א חבר נאָכ־דעם ווי יענער איז שוין געווען פארהייראט, זעהט ער ווי יענער לויפט, סטייטש ! יאנקעל ! פרעגט ער איהם, וואָס לויפסטו אזוי ווי א ווינט ? פרנסה, ברודער ! האָט ער געענטפערט, איך לויף נאָך פרנסה ! טאָ פון וואנען ווייסטו, האָט דער ישיבה בחור געפרעגט, אז די פרנסה לויפט פאראוים פון דיר ? פיעלייכט לויפט גאָר די פרנסה נאָך, נאָך דיר, אז דו ועסט זיך אָפּשטעלען, דאָ וועסטו זיך באגעגענען מיט דיין פרנסה.

רבותי! זייט ניט קיין ווינט מענשען! נאָך די ווערטער — דלותי ולי יהושיע — זיינען די ווערטער — שובי נפשי למנוחיכי, און — בחפזי — איז — כל האדם כוזב — ד״ה דער וואָס איילט זיך צופיעל לייקענט חו״ש אין דער השגחת הבוית״ב.

דער גרויסער חכם עקביא האָט אנאליזירט די ווערטער פון דעם גרעסטען חכם — וזכור את בוראיך — (רש״י קהלת-יב) אט פון דעם איינציגען וואָרט האָט ער צוזאמענגעשטעלט די גאנצע משנה. עקביא דער חכם האָט געזאָגט אז עס אהרט איהם ניט אז מען זאָל איהם זיין גאנצען לעבען רופען נאר. די וועלט האָט ניט אלעמאָל דעם נויטיגען דערהער פון א וואָרט. למשל, די וועלט קען אמאָל רופען א מענשען וואָס איז ניט קיין חכם — מלמד! די וועלט וויצעלט זיך איבער די מלמדים. א מלמד פאר־הערט א אינגעל די ערשטע משנה פון חולין. זאָגט דער תלמיד — הכל שוחטין! אלעמען דארף מען קוילענען! צולאכט זיך דער מלמד, און פרעגט דעם אינגעל, מיך דארף מען אויך קוילענען? ענטפערט דער תלמיד, ניין! אייך ניט! עס שטעהט — חוץ מהרש שוטה וקטן. — אין דער אמת׳ן אבער איז ניט אזוי. די מלמדים זיינען שוין גאָרניט קיין שוטים. נאר וואָס אהרט דאָס די מלמדים? זיי האלטען פון דעם אלטען ווערטעל, רוף מיר נאר, און גיב מיר לעקאך. ווען א מענש האָט אין זינען אָט די דריי זאכען וואָס דער תנא עקביא זאגט, דאן אהרט איהם ניט אז מען רופט איהם נאר, די אלע דריי זאכען (פון משנה-כא איז פרק-ד) קנאה תאוה און כבוד וועלכע רואינירען א מענשענ׳ס לעבען, קענען קיינמאָל ניט האָבען אויף א מענשען קיין שום ווירקונג ווען ער האָט אין זיין גערדאנק דעם — מאין באת — און דעם — לאן אתה הולך, און איבערהויפט דעם לפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון.

און דער גאנצער געדאנק ליגט דאָ איינגעוויקעלט אין דעם וואָרט — לידי — עס זיינען דאָ מענשען וואָס זיי זיינען אזוי קארג

ר"ל אז מען קען ממש זעהן ווי די געלט איז ניט ביי זיי אין זייערע הענט נאר זיי זיינען ביי די געלט אין די הענט. אט דער־פאר זאָגט די תרה —וצרת הכסף בידך — (ראה) בינד די געלד אין דיין האנט! ווייל אויב דו וועסט ניט בינדען די געלט? וועט די ענדע זיין אז די געלט וועט דיך בינדען! אט אזוי איז מיט אן עברה, עס טרעפט זעהר אָפט אז די עברה איז באלעבאָס אויף דעם מענשען, זי נעמט אריין דעם מענשען אין איהרע ידים. דער בעסטער מיטעל ניט אריינפאלען ביי דער עברה אין די הענט איז צו באטראכטען דעם פסוק — טוב שם טוב משמן טוב ויום המות מיום הולדו (קהלת־ז) ד"ה דער מענש דארף באטראכטען דעם — יום המות — דעם — לאן אתה הולך, און — מאין באת, דאָס מיינט דעם — יום הולדו — איבערהויפט, א איד דארף זיך ניט אסימילירען, ער דארף זיך דערמאָנען אן דעם — טוב שם טוב — דעם אידישען נאָמען וואָס מען גיט איהם ביי זיין — יום הולדו! און אָן דעם — יום המות, וואָס ער וועט דאָך וועלען ליגען אויף א אידישען בית חיים! אט די אלע אסימילירטע אידען וועלען פריהער דארפען ענטפערען דעם — דין! און ערשט נאָכדעם וועט מען מאכען א — חשבון — ד"ה א רעכענונג וויפיעל אידען זיינען דורך זייער אסימילאציע, געוואָרען קרבנות, און זיינען אומגעקומען, און אזוי טרעפט פיעל מאָל אז ווען איינער איז א בעל עברה אדער א קמצן מאכט ער נאָך אנדערע אידען אויך קאליע. אט דערפאר איז ערשט נאָכ'ן דין — וועט מען דארפען מאכען א חשבון . . . און ער וועט מוזען באצאָהלען פאר'ן חשבון!

צו די אסימילאנטען דארף מען זאָגען בדרך צחות — מאין באת! איהר זייט געקומען אויף דער וועלט מיט א יוד און איהר זייט אוועק אָן איוד — לאן אתה הולך! אין דעם וואָרט — לאן — איז שוין ניטאָ דער — יוד — פון מא־י־ן באת.

משנה ב — רבי חנינא סגן הכהנים אומר הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו.

דרשה צו אן אינסטאַלליישאָן פון א רב

מיינע פריינדע! אט דעם אויסדרוק — איש את רעהו חיים בלעו — איז זעהר שווער צו באגרייפען, וועלכער רוצח שלינגט דאָס איין לעבעדיגע מענשען? און איבערהויפט, צו וואָס זאָגט ער נאָך — איש את רעהו? ד"ה אז גראדע יעדער מענש וואָלט איינשלינגען זיין „חבר" לעבעדיגערהייט! מערקווירדיג, וואונ־דערבאר זיינען די ווערטער!

עס איז דאָך אויך קשה! רבי חנינא זאָגט דאָך סתם מלכות, איז דאָך משמעות אלע מלוכות, מיר ווייסען דאָך אבער אז עס זיינען דאָ אזוינע מלוכות וואָס מען דארף ניט מתפלל זיין בשלומם, נאר פאַרקעהרט, מען דארף מתפלל זיין אז — כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ — דער ענטפער ליגט אין דעם וואָרט — מלכות — דער לשון מלכות מיינט: א מלך וואָס רעגירט אויפ'ן פאָלק מיט דער צופרידענהייט פון אלע מענשען פון לאנד, אבער א — מושל — דאָס איז שוין אנדערש, דאָס איז איינער וואָס רעגירט מיט גוואלד, חאָטש די מענשען פון לאנד זיינען ניט צופרידען. אט דערפאר האָבען די ברידער געזאָגט צו יוסף'ן — המלך תמלך עלינו אם משל תמשל בנו — זיי האָבען געזאָגט צוויי ערליי לשונות, דעם לשון מלך און אויך דעם לשון מושל, ד"ה אויב אפילו די זאָלסט יע ווערען א מושל איבער אונז? אבער דעם נאָמען — מלך — קענסטו ניט האָבען, ווייל מיר ווילען דיך ניט! ביי אונז אידען האָבען מיר א בעגריף אז א — מלך — דארף זיין נאר דער יעניגער וואָס איז באליעבט ביי דעם פאָלק! אָט דאָס איז דער פשט פון — כי לד' המלוכה ומושל בגוים — ד"ה דער רבש"ע איז א מלך, וואָס די וועלט דארף זיין צופרידען פון זיין מלוכה, אבער לײדער, די פעלקער האָבען איהם ניט אנערקענט

אלס — מלך — דערפאר איז ער איבער זיי בלויז א — מושל — און דערפאר זאָגען מיר אין „האדרת והאמונה" אויך דאָפפעלע ווערטער — המלוכה והממשלה לחי עולמים. אמאָליגע צייטען פלעגען די חסידישע רביים פיהרען זיך אזוי ווי „מלכים" ווייל די חסידים פלעגען דאָך מיט אזוי פיעל צופרידענהייט אנערקענען די גוטע אידען, ווי אידישע מלכים. די אורזאכע פארוואָס מען רופט אזעלכע רביים מיט'ן נאָמען — גוטער איד — איז זעהר וויציג. און האָט א סך אורזאכען. עס קען זיין אז מען רופט זיי „גוטער איד", ווייל זיי דארפען אלעמאָל זוכען אויף אידען א זכות צום גוטען, אפילו אויף פושעי ישראל.

רבי חנינא איז געווען א — סגן — פון א סך — כהנים גדולים — אין יענער צייט פון צווייטען בית המקדש פלעגען די כהנים גדולים זיך איינקויפען אלס כהנים גדולים דורך געבען כאבאר, (יומא-יח) תרקבא דדינרי עיילא ליה מרתא בת בייתוס לינאי מלכא על דאוקמיה ליהושע בן גמלא בכהני רברבי, האָט רבי חנינא דעריבער געזאָגט אז מען דארף מתפלל זיין פאר'ן שלום פון מלכות, ד"ה אז עס זאָל איינגעשטעלט ווערען א ריכטיגע מלוכה מיט געזעץ און ארדענונג, אז מען זאָל ניט נעמען קיין כאבאר, ווייל אן דער דיסציפלין פון א מלכות, שלינגען איין גלייכע מענשען איינער דעם אנדערען, און צוליעב געלט האלט זיך איינער העכער פון זיין גלייכען חבר, ער ווערט אן — איש — איבער — רעהו — אט דערפאר נעמט יעדער קהילה אויף א רב וואָס זאָל אויפפאסען אויפ'ן געזעץ און אָרדע-נונג, אויב דער רב איז בעליעבט ביי דער געמיינדע איז ער פונקט ווי א מלך, ניט ווי קיין מושל בגוים . . .

עס האָט אמאָל געטראָפען אז א רב האָט ניט געוואָלט חנפ'ענען די באלעבאטים האָט ער אויפגעגעבען די רבנות און זיך געעפענט א שוך סטאָר, האָט ער אבער ניט געוואָלט חנפ'ענען די קונדען, זיינען זיי אלע אוועק צו אַן אנדערען

קרעמער, וואָס האָט זיי יע געחנפ'עט. איז ער געוואָרען א קרעמער פון קלאָדינג, ער האָט אבער אויך דאָ ניט געוואָלט חנפ'ענען, זיינען אלע קונדען אוועק פון איהם, איז ער געקומען צוריק בעטען די רבנות, סטייטש, רבי! האָבען איהם די באלע־באטים געפרעגט, איהר ווילט דאָך ניט די רבנות, ווייל מען דארף חנפ'ענען? מיינע פריינדע! האָט זיך דער רב אָנגערופען, וויבאלד אז א שוסטער דארף חנפ'ענען, און א שניידער דארף חנפ'ענען, וועל איך שוין בעסער זיין א רב און חנפ'ענען!

ניט איין רב וואָלט אנטלאָפען פון די רבנות אין מיטען נאכט צוליעב דעם וואָס מען דארף אזוי פיעל חנפ'ענען זיך צום עולם, די צרה איז אבער! וואו לויפט מען? אז א שניידער און א שוסטער מוזען דאָך אויך חנפ'ענען.

די גמ' זאָגט האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא לאו משום דמעלי טפי אלא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא (כתובות-קה) ד"ה אז א רב וואָס איז בעליעבט אין שטאָדט איז מחמת ער חנפ'עט די באלעבאטים, אבער אונזער קאָנגרעגיישאָן האָט געוואָלט א רב וואָס זאָל זיין מיט אלע אמת'ע מעלות, טאָ וויבאלד אזוי? האָבען מיר אויפגענומען א רב וואָס זאָל אונז לערנען דעם אמת'ען דרך התורה, ער זאָל זיך ניט אָפּשטעלען פאר קיין שום מענשען, און חו"ש מורא האָבען צו זאָגען אונז דעם ריכטיגען וועג אויף וועלכען מיר דארפען געהן, און אויב אז מיר וועלען חו"ש פארגעסען אויף א מאָמענט אז אונזער רב חנפ'עט קיינעם ניט, וועט דאָך דאָס ברענגען צו דעם, אז מיר זאָלען חו"ש דעם רב ניט ליעב האָבען, אין דעם וואָס מען האָט ניט ליעב קען ער דאָך קיין מלך ניט זיין! און דאָרטען וואו עס איז ניטאָ קיין שלום אין מלכות, ד"ה אז איינער האלט זיך גרעסער פון אנדערען איז דאָך חו"ש — איש את רעהו!...

אמאָל טרעפט גראדע אז דורך דער שנאה וואָס עמי הארצים האָבען פיינט א תלמיד חכם ווערט ביי זיי שלום. אין א געוויסער

שול איז געווען א גרויסע מחלוקת צווישען די מעמבערס. איינער דעם צווייטען האט פיינט געהאט און גערודף׳ט. מאכט זיך אז איינמאל קומט אריין א פיעכאטנער מגיד און וויל דארטען זאגען א דרשה. דער מגיד איז געווען ווי מען רופט אין אמעריקע אן „אלד טיימער״, און ער האט אויסגערעכענט אז ער וועט זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט דעם שטארקערען און גרעסערען צד אין שול, אום עס זאל איהם געלינגען צו אפזאגען זיי דארטען א פייערדיגע דרשה, און אויסווירקען אז זיי זאלען ארויסווייזען מעהר ליבשאפט צו דער הייליגער תורה און ארץ ישראל, אבער די חברה האבען דערשמעקט א מגיד, א בן תורה ! א רב ! עס האט ניט גענומען קיין צעהן מינוט זיי האבען אלע צווישען זיך שוין אנגעפאנגען רעדען, עס איז ביי זיי געווארען באלד אחדות און אפגעשטימט אז מען זאל קיינע מגידים ניט לאזען דארטען רעדען. אט דאס מיינט: תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם ! צוליעב דעם מגיד איז ביי יענער חברה תיכום״י געווארען שלום. ניט איין מאל האב איך אליין אזא שלום ר״ל מיטגעמאכט.

און פונקט ווי מיר אידען באהאנדלען אונזערע — מגידים, רבנים און נביאים, אט אזוי באהאנדלען אונז די פעלקער. עס זיינען דא פעלקער וואס האבען פיינט איינער דעם אנדערען צום טויט (שנאת מות), וואס וואלטען איינער דעם צווייטען דערשלונגען לעבעדיגערהייט, דאך ווען עס קומט ארויף די אידישע פראגע, ווערען זיי צווישען זיך שלום און אחדות, צו אומברענגען חו״ש דאס אידישע פאלק. (אין דער אמת׳ען איז דאך א קשיה. ביי יעקב׳ן האבען זיך די שטיינער געקריגט און נאכדעם האבען זיי זיך פאראייניגט, סטייטש ! ווי קענען זיך שטיינער קריגען ? און ווי קענען שטיינער מאכען שלום ? נאר דאס מיינט די נאציאנען מיט שטיינערנע הערצער). די מגידים און בעאבאכטער זעהען דאס פאראויס. אט דערפאר האט דער —סגן הכהנים — געזאגט — הוי מתפלל בשלומה של מלכות —

מיר דארפען בעטען דעם רבש״ע פאר די רבנן וועלכע זיינען דאך די אידישע מלכים (גיטין סא) א״ל מנא לך דרבנן איקרי מלכי אמר להו דכתיב בי מלכים ימלוכו (מש״ה).

אין דער ערשטער וועלט מלחמה האט די רוסישע מלוכה ארייגעשטעלט ביי א אידישען ארענדאר עטליכע קאזאקען וועלכע דער איד האט געדארפט געבען עסען. פלעגען די קאזא־קען שרייען זעהר הויך אויף׳ן קול — קושאט, יעוורעי! איז דער איד געקומען צום רבי׳ן מיט א געוויין, אז די קאזאקען שרעקען איבער די קינדער זיינע, מיט זייערע געשרייען — קושאט יעוורעי! האט דער רבי געזאגט צום אידען אז די קאזאקען ווייסען אליין אויך גיט וואס זיי שרייען, נאר דאס שרייט ארוים פון זיי א מין סארט — בת קול — קושאט יעוורעי! ווען דו וואלסט געגעבען א אידען עסען? וואלט מען ניט געוועזן אנ־געשיקט פון הימעל אויף דיר קיין קאזאקען, אט דערפאר שרייען זיי דעם ווארט יעוורעי! רבותי! מיר דארפען זעהן אז די רבנים זאל האבען וואס צו עסען. ווייל די רבנות ר״ל איז א סכנה פאר׳ן לעבען. די גמ׳ זאגט — מפני מה מת יוסף קדם לאחיו מפני שהנהיג עצמו ברבנות — (סוטה־יג)

פרעגט מיך! אויב אט די ווערטער וואס איך זאג דא צו דער אינסטאליישאן זאג איך צו זיך אליין? געווים מיינע פריינדע! איך זאג דאס אלעמאל צו זיך אליין! איך בין ניט ווי יענער רעסטאראטאר, וואס זוכט פאר זיך אליין א כשר׳ן רעס־טאראנט, און וויל ניט עסען אין זיין אייגענעם פלאץ, ווייל ער איז דאך עפעס פא׳רט א איד.

א סך מענשען מאכען א טעות. זיי דענקען אז — ושנא את הרבנות — מיינט: אז מען זאל פיינט האבען רבנים. ושנא את הרבנות מיינט: מען דארף פיינט האבען די גאוה, דעם סיסטעם וואס אייניגע מענשען זאלען געוועלטיגען און באסעווען דעם אנדערען. א אידישער מלך דארף זיין — לבלתי רום לבבו מאחיו

— דער יצר הרע איז אויך א — מלך — מלך זקן וכסיל (קהלת-ד) מבית הסורים יצא למלך). אט אזא סארט רבנות באגראבט אבער אן אמת'ער תלמיד חכם רופט זיך מיט'ן זעלבען נאמען ווי משה רבינו (סוכה-לט). און משה רבינו איז דאך געווען דער גרעסטער — ענו — אט דערפאר זאגט די תורה ולא ידע איש את קברתו. אויב א רב איז ניט קיין בעל גאוה איז — ולא ידע איש את קברתו ! עד היום הזה ! די גמ' זאגט (סוטה- יד) הראני היכן משה קבור עמדו למעלה נדמה להם למטה, למטה נדמה להם למעלה. דעם אמת'ן ענו קען מען ניט באגראבען אפילו לאחר מאה שנה. ד"ה ער לעבט אפילו נאכ'ן טויט ! עד היום הזה !

דער שכל פארוואס די גמ' דערצעהלט אז די מלכות הרשעה האט געשיקט צו זעהן וואו משה רבינו איז באגראבען, קען מען זאגען, אז די רשעים האבען געזוכט א וועג ווי צו באגראבען ר"ל די אידישע פאלק. האבען זיי זיך געהאלטען ביי דעם געדאנק, אז מען זאל אידען אויפהויבען אין זייער הויכער געזעלשאפט און דורך דעם וועלען זיך אידען אסימילירען. האבען זיי אבער געזעהן אז עס העלפט ניט, זיינען זיי זיך מישב און שטעלען זיך — למטה — ד"ה זיי האבען זיך גענומען אויסראטען אידען קערפערליך, פונקט ווי המן און היטלער ימ"ש. אבער דאס האט אויך ניט געהאלפען, ווייל דער איד, דער — משה ! איז גאר למעלה —

אט דאס איז דער פשט פון די ווערטער — הוי מתפלל בשלומה של מלכות, אז אונזערע רבנים זאלען זיין אויף לאנגע יאהר, לקיים מה שנאמר ולא ידע איש את קברתו. דער — ולא ידע — איז היינט ביי אונז געווארען פאפולער.

מיט פיעלע רבנים טרעפט אפט, אדער זיי זיינען — למעלה — ד"ה זיי זיינען צו פרום, און דערפאר וויל מען זיי ניט, אדער פארקערט, זיי זיינען צו פיעל — למטה — און דערפאר וויל מען

זיי ניט. א רב איז געגליכען צו א — מלך — אזוי ווי א מלך זאָגט די תורה — לא ירבה לו סוסים, ולא ירבה לו נשים, וכסף וזהב לא ירבה לו מאד (שופטים-יז). סוסים מיינט: אז דער רב זאָל זיך ניט לאָזען שלעפען פון קיינעם, ווייל עס זיינען דאָ אמאָל עטליכע פארטייען אין א קהילה, וואָס יעדער איינער וויל שלעפען דעם רב אויף זיין זייט. און די אורזאכע פון דעם איז, דער — כסף וזהב — ווייל מען ווערט אמאָל געשלעפט צוליעב די געלט און עס ווערט געשאפען א ליידים אקזילערי. זאָגט די תורה — לא ירבה לו נשים פון אט די אלע זאכען זאָל זיך דער רב ניט לאָזען בעאיינפלוסען. א אידישער מלך דארף אין זינען האָבען די גמ׳ (אין סנה׳-כ) בתחלה מלך שלמה על העליונים ד״ה דער עיקר דארף א רב פארשפרייטען אמונה אין דעם אויבערשטען.

איך האָב זעהר אָפט באגעגענט רבנים וואָס רופען זיך דאָקטער און אין דער אמת׳ן זיינען זיי גאָר מלמדים. דאָס זיינען נעבאך אומגליקליכע מענשען, ווייל ווען זיי זיינען געווען מלמדים האָט מען אויף זיי געזאָגט אז זיי קענען א קרענק, און יעצט אז זיי האָבען שוין דעם טיטול דאָקטער, זאָגט מען אז זיי זיינען אלץ מלמדים. אבער אונזער רב איז ניט קיין דאָקטאָר, ניט קיין דיין, און ניט קיין מלמד, נאר אן אמת׳ער רב ! א אידישער מלך !

משנה ג — רבי חנינא בן תרדיון אומר שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים.

דרשה י — לסעודת מצוה — עסען איז אויך א מצוה !

דאָ איז דאָ א קשיה ! דער תנא דערמאָנט דאָך דאָ ניט אז זיי רעדען לצנות, היינט וויבאלד אז מענשען רעדען ניט קיין לצנות, טאָ פארוואָס רופט זיי אָן דער תנא — מושב לצים ? נאָר

דער תנא רחב"ת האָט דאָ אונז געלערענט זעהר א וויכטיגע זאַך, אז מענשען זאָלען זיך לערנען איינער פון דעם אנדערען, אויב צוויי מענשען זיצען און וועלען גאָרניט לערנען איינער פון דעם אנדערען, איז א סימן אז זיי זיינען בעלי גאוה. דאָס איז די נאַטור פון לצים, אז זיי האלטען זיך קליגער פון אנדערע, און זיי טראַכטען ביי זיך אין הארצען, וואָס קען מען דאָ לערנען פון יענעם? דערפאר זאָגט דער תנא — דברי תורה — דאָס מיינט אז מענשען קענען רעדען צווישען זיך אין באַלערענדע ענינים, אבער אויב אז זיי רעדען ניט, איז דאָס אליין שוין א שטיק לצנות! דאָס מיינט: זיי קרימען נאָך די שטומע חיות, וואָס האָבען ניט דעם כח הדבור,

די לצים קענען דאָך אלעמען נאָכקרימען. 2 לצים זיינען אמאָל ארומגעפאָהרען איבער דער וועלט. איינער האָט זיך פאַר־געשטעלט אלס א חסידישער רבי, און דער אנדערער אלס זיין גבאי. זיי זיינען געקומען אין א שטעדטעל צווישען גראָבע יונגען, האָט דער גבאי מודיע געווען דעם פרעזידענט פון שוהל, אז דער גרויסער רבי, דעם — דובר שקרים'ס אן אייניקעל איז געקומען אויף שבת, גיט דער פרעזידענט א געשריי, איך האלט ניט פון קיין אייניקלאַך! איך האלט פון א רבי'ן! אבער ניט פון הברה וואָס באריהמען זיך מיט זייערע זיידעס! הויבט זיך אָן דער גבאי צום פרעזידענט, איהר זייט טאקע גערעכט, אבער דער רבי זאָל לעבען, האָט זיך ניט געוואָלט ארויסגעבען אז ער איז דאָס דער — דובר שקרים אליין, ווייל ער איז אן ענו. דער פרעזידענט האָט דערהערט אז דאָס איז דער גרויסער דובר שקרים אליין, האָט ער איהם באלד געבעטען מחילה, און עס האָט זיך דאַרטען אין שטעדטעל עפעס אביסעל אָפּגעטהאָן יענעם שבת. מען האָט געפראוועט טישען, געכאַפּט שיריים, און ביז היינטיגען טאָג זיינען נאָך דאָ א סך אָנהענגער פון יענעם — דובר שקרים —

אום צו האָבען א באגריף וואָס עס מיינט א — מושב לצים, דארף מען זעהן וואָס אונזער תהלים זאָגט וועגען דעם.

דער תהלים זאָגט: גליקליך איז דער מענש וואָס זיצט ניט צווישען לצים, נאר ער לערענט די הייליגע תורה טאָג און נאכט, ווי א גוטער בוים וועט ער געבען זיינע פרוכט אין צייט, און זיינע בלעטלאך וועלען ניט פוילען . . . די רשעים זיינען ניט אזוי, נאר זיי זיינען ווי דער אָפפאל פון אויסגעדראָשענע תבואה, וואָס דער ווינט בלאָזט איהם אוועק. דאָרף מען דאָך קענען פערשטעהן ווי אזוי קען דאָס א מענש לערנען טאָג און נאכט?

וועלען מיר דאָס פערשטעהן דורך א משל. עס איז אמאָל געווען א רב וואָס האָט זיך אָפגעגעבען מיט וואלד האנדעל. ער האָט אבער דעם לערנען ניט אויפגעגעבען, ביי נאכט פלעגט ער אויפשטעהן ארום דריי א זייגער, און לערנען אזוי ביז׳ן גרויסען טאָג. נאָכדעם פלעגט ער רויכערען עטליכע ליולקעס טיטון, אויסגערויכערט דעם טיטון, פלעגט ער געהן אין בית המדרש דאווענען, אז עס פלעגט זיין עפּעס פרעמדע ארימע לייט אדער אזוי אורחים, פלעגט ער זיי נעמען נאָך׳ן דאווענען צו זיך אהיים געבען זיי עסען, בענטשען מיט מזומן, און ערשט נאָך די אלע זאכען פלעגט ער געהן אין זיין געשעפטס הויז. אין דער זעלבער שטאָדט איז געווען נאָך אזא וואלד סוחר אבער דער איז שוין געווען א פּראָסטער איד, ניט געלערענט, ניט געדאווענט, ניט געגעבען קיין ארימע לייט, קיין צדקה. מאכט זיך אז ביידע סוחרים שטארבען אָפּ אין דעם זעלבען טאָג, גיט מען אָפּ דעם רב כבוד און מען ברענגט איהם פריהער פאר׳ן בית דין של מעלה. דעם אנדער סוחר לאָזט מען שטעהן הינטער דעם רב, עפּעס אזוי ווי מיט אן אויסרעכענונג. אזוי ווי איינער זאָגט: הער זיך צו, ברודער׳ל! ווי אזוי מען וועט דאָ באלד פארהערען דעם רב. דער בית דין האָט גענומען אויספרעגען דעם רב, אבער וועגען לערנען, פרעגט מען איהם גאָר וועהניג, מען גיט זיך נאָר אזוי צו איהם א זאָג, רבי! איהר האָט עפּעס געטרונקען א סך ביער צום עסען אדער גוטען וויין? ענטפערט דער רב שה״י פה״י, ר״ת שבת היום, פסח היום, ד״ה שבת האָט ער געטרונקען ביער, פסח

גוטען וויין, פורים האָט ער געטרונקען א סך שנאפּס, שמחת תורה האָט ער געטרונקען פון אלעס צוביסלאך, און אזוי זיך אויך אָפּט אריינגעכאפּט א שנעפּסל אפילו אינמיטען וואָך, ספּעשעלי ווען ער האָט געהאט אורחים, האָט ער צוליעב די אורחים געטרונקען מיט זיי — לחיים! הכלל, דער בית דין של מעלה פּסק'ינט אָפּ אז פאר די אלע גלעזלאך משקה וואָס ער האָט געטרונקען, זאָל מען איהם געבען דערפאר גרויסען שכר אין גן עדן. אז דער סוחר האָט דערהערט אז פאר'ן עסען און טרינקען גיט מען עוה"ב און גן עדן, איז ער געוואָרען פרעהליכער, ווייל ער האָט דאָך זעהר א סך געטרונקען און געגעסען. אבער ווען מען האָט זיך גענומען צו איהם, האָט מען איהם גאָרניט געפרעגט אויף קיין שום עסען און טרינקען, נאָר מען האָט איהם גענומען מוטשען מיט אזוינע פראגעס אויב ער האָט געלערענט משניות? אבער ווי קומט ער צו משניות? קיינמאָל ניט געלערענט. פרעגט מען איהם אויב ער האָט געגעבען צדקה? גלאָצט ער אוים א פּאָר אויגען, און קנייטשט מיט די פּלייצעס אויף ניט. נו, זאָגט מען איהם, ר' סוחר! אט פאר דעם וועט איהר מוזען געהן אין גיהנם אריין. סטייטש! האָט ער גענומען שרייען, אָט ערשט האָט איהר דאָך דעם רב געגעבען שכר אין גן עדן פאר'ן עסען און טרינקען, און איך האָב דאָך נאָך געגעסען און געטרונקען מעהר פון'ם רב. נארישער מענש! האָט מען איהם געענטפערט, מיר וועלען דיר דערצעהלען א מעשה פון 2 סוחרים, פון דעם וועסטו שוין פערשטעהן, אז מיר זיינען גערעכט.

א סוחר האָט אמאָל געבראכט א סך וואגאָנען תבואה צום פארקויפען, אבער די תבואה איז געווען געמישט מיט'ן אָפּפאל פון די אויסגעדראָשענע קאָרן און ווייץ. ער האָט אבער געוואָלט פארקויפען אלעס, די תבואה און אויך דעם אָפּפאל, האָט מען מיט איהם אָפּגעמאכט אזוי: פאר יעדע 100 פונט ווייץ 5 דאָלער, און פאר יעדע 100 פונט אָפּפאל 2 דאָלער. האָט אן אנדער סוחר זיך דערוואוסט אז מען קען פארקויפען דעם אויסגע-

דראַשענעם אַפּפאל פאר 2 דאָלער א 100 פונט, האָט ער זיך ארויסגעלאָזט און איינגעקויפט א סך פון אָט דעם מאטעריאל און נאָכדעם געבראכט אָט די סחורה צו פערקויפען מיט א פרייז פון 2 דאָלער א 100. אבער ווען די סוחרים האָבען דערזעהן אז קיין ווייץ איז ניטאָ, נאָר בלויז מעקעגע, האָבען זיי זיך אלע אויסגעלאַכט און זיינען צולאָפען פון איהם, אבער דער נאר איז געשטאנען און זיך געוואונדערט, ער האָט שוין געפּרואווט מאַכען ביליגער ווי 2 דאָלער, אָבער די סוחרים האָבען זיך גע־קאַטשעט פאר געלעכטער פון אזא בהמה.

אָט דאָס זאָגט די גמ' (ע"ז־יט) שאפילו שיחת חולין של תלמיד חכם צריכה תלמוד שנאמר ועלהו לא יבול, ד"ה אז ווען א תלמיד חכם רעדט געוועהנליכע, איינפאכע רייד, אדער ער גיט זיך אָפּ מיט'ן גוף, ער עסט א סך און טרינקט א סך, איז דאָס אויך אריינגערעכענט אין זיינע מצוות, ווייל די אלע זאכען וואָס ער טהוט איז דאָס צוליעב דעם אז ער זאָל קענען טהאָן מעהר פאר דעם אידישען פאָלק, פאר דער גאנצער וועלט און פאר דער הייליגער תורה. אבער לא כן הרשעים, די רשעים זוכען אבער ניט קיין שום צוועק אין זייערע פערגעניגענס, ביי זיי איז דאָס קערפּערליכע פארגעניגען דער גאנצער צוועק פון לעבען. קומט דאָך אויס אז זיי זיינען אזוי ווי דער סוחר וואָס וויל פארקויפען בלויז דעם אויסגעדראָשענעם אָפּפאל — כמוץ ! אשר תדפנו רוח ! אָט דאָס זאָגט דער תנא, אויב אז — ואין ביניהם דברי תורה, אז דער תכלית פון זיצען איז ניט קיין תורה, איז דאָס שוין א — מושב לצים ! די תורה לערענט אונז אז דער רבש"ע האָט בעשאפען די וועלט — בדבר ד' שמים נעשו — בעשרה מאמרות — אבער די רשעים זאָגען — לא כן — אז דאָס איז ניט אזוי, זיי קענען זיך גאָרניט פאָרשטעלען ווי אזוי מיט א וואָרט קען מען בעשאפען הימלען ? די שטראָף פון רשעים איז זעהר גרויס ! ווייל ווען איינער צעברעכט א כלי וואָס מען האָט אויף איהר ניט אזוי שווער געארבייט צו מאכען זי, דאן איז די

שטראף ניט אזא שווערע, ד"ה מיר אידען גלויבען דאך אז גאט האט בעשאפען די וועלט — בעשרה מאמרות, קומט דאך אוים אז דורך זעהר א גרינגען וועג האט גאט באשאפען די וועלט, איז אויב אפילו אז א גלויביגער אין גאט, זינדיגט און מאכט א היבשע ביסעל קאליע אט די גרויסע כלי וועלכע גאט האט באשאפען, קומט דאך איהם ניט אזא גרויסע, שווערע שטראף, ווייל די וועלט איז דאך באשאפען געווארען זעהר לייכט, אבער די רשעים זאגען דאך — לא כן! נאר די וועלט איז א באשאפונג פון א לאנגזאמען, שווערען פראצעס, וואס איז שוין אלט מיליאנען יאהרען, און מיר זיינען אלע אן ענטוויקלונג פון דער שימפאנזא מאנקי, אויב אזוי? איז דאך אט די גרויסע וועלט אנגעקומען זעהר שווער! דאן מוזען די רשעים וואס צוברעכען די וועלט באצאהלען מיט א זעהר שווערען שטראף.

דער אונטערשיעד פון רשעים און צדיקים איז אין דברי תורה. די צדיקים זאגען אז דער רבש"ע האט באשאפען די וועלט דורך דברים, און די רשעים זאגען — לא כן!

עס איז דא נאך א פשט'ל אין דעם מאמר — שנים שיושבין ואין ביניהם — אויב צוויי מענשען זיצען און עס איז דא צווישען זיי דער ווארט — אין — ד"ה זיי האלטען זיך פונקט אזוי ווי זיי זיינען גארניט, דאס אליין איז שוין — דברי תורה — אויב אבער — הרי זה? אויב יעדער איינער האלט זיך פאר א גאנצען מאכער? פאר א — זה? דאן איז עס א — מושב לצים!

ווען חמור מיט שכם'ן האבען געזאגט — והארץ הנה רחבת ידים, (וישלח) האבען זיי ארויסגערעדט א שטיק נבואה. דער ווארט — רחבת — איז אין ר"ת רבי חנינא בן תרדיון. דאס איז א רמז צו דעם וואס רחב"ת זאגט „מען קען די ערדליכע זאכען אויך פארוואנדלען אין תורה, אויב דער צוועק איז תורה!". ווייל רבי חנינא בן תרדיון האט געהאלטען ארום זיך די תורה

און אזוי האָבען איהם די רוימער פארברענט איינגעבונדען מיט'ן ספר תורה. (ע"ז י"ח) הביאוהו וכרכוהו בס"ת והקיפוהו בחבילי זמורות והציתו בהן את האור וכו'. אלמלא אני נשרפתי לבדי היה הדבר קשה עלי, עכשיו, מי שמבקש עלבונה של ס"ת הוא יבקש עלבוני.

אין (משנה כ פ"ק-ג) לערנען מיר אז רבי עקיבא האָט די תורה אָנגערופען כלי חמדה, ווייל וואָס א מענש דערגרייכט מעהרער שכל צו פערשטעהן די תורה, אלץ מעהרער גלוסט ער צו לערנען די תורה. אָט דאָס מיינט הנחמדים מזהב וכו'. און אלע חדושים וואָס א תלמיד חכם איז מחדש אין דער תורה, רופען זיך די חדושים גאָט'ס תורה, ווייל דער פסוק זאָגט כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו. ד"ה איך האָב אייך געגעבען א תורה אבער פארלאָזט עס ניט און זייט מחדש. אמענש זאָל ניט זאגען: איך קען דאָך אלץ איינם ניט מקיים זיין די גאנצע תורה, טאָ צו וואָס טויג מיר ארבייטען שווער און מקיים זיין א ביסעל מצוות? ווייל — הכל נתון בערבון — (משנה כב, פ"ק-ג) דאָס מיינט אז מיט אפילו איין (1) מצוה קען ער קויפען די גאנצע תורה פונקט ווי מען קויפט סחורה מיט א דעפאזיט.

— והכל מתוקן לסעודה — דאָס מיינט די ענדע איז אז מען שטארבט, און מען גיט דעם אבל א סעודת הבראה, ר"ל. איז דורך דעם געדאנק פון ומתוקן לסעודה זאָל ער תשובה טהאָן.

פון עסען קען מען זיך אויך לערנען מאָראל

א איד פרעגט אמאָל אן אלמנה, פון וואנען האָט זי צום לעבען? ווער גיט איהר צום עסען? ענטפערט די אלמנה, איך האָב נאָך א מאן! סמייטש! איהר זייט דאָך אן אלמנה! האָט דער איד זיך געוואונדערט, דאָס איז טאקע אמת! האָט די אלמנה געזאָגט, אבער מן דיהיב חיי יהיב מזוני".

פרק ד, משנה א

בן זומא אומר איזהו חכם הלומד מכל אדם

דרשה יא — צו אן אינסטאַליישאַן פון א ראש ישיבה

וועלכען מענשען קען מען רופען מיט׳ן טיטול — חכם ? אַט דעם מענשען וואָס לערענט פון אלע מענשען.

איז דאָך א קשיה, סטייטש ! עס זיינען דאָך דאָ אזוינע מענשען וואָס מען קען פון זיי קיין גוטע זאכען ניט לערנען, און מען דאַרף פון זיי אבסאָלוט גאָר, גאָרניט לערנען. איך וועל אייך געבען צו פארשטעהן מיין קשיה דורך א משל. זעהר א פעהיגער סעילסמאן איז אריינגעפאלען אין אַ טרויעריגער שטימונג, און האָט באשלאָסען צו אראָפּשפרינגען פון מאנהעטען ברידזש און באגעהן זעלבסטמאָרד. א פאָליסמאן האָט באמערקט ווי ער קלעטערט אויף דעם סאמע העכסטען פונקט פון ׳בריק, האָט ער אָנגעפאנגען צו שרייען צו איהם, עי דו ! שפרינג ניט ! דו קענסט דאָס ניט טהאָן ! פאר׳וואָס ניט ? האָט דער סעילסמאן געענטפערט דעם פאָליסמאן, און גענומען ערקלערען איהם פארוואָס ער טהוט דאָס ? אין עטליכע מינוט שפעטער זיינען זיי ביידע, דער סעילס־מאן מיט׳ן פאָליציאנט ארונטערגעשפרונגען צום טויט. (דיאגנא־נעם זאָגט: א מענש זאָל זיך ניט קאָמפאנירען מיט שלעכטע מענשען, ווייל די נאטור איז, אז איין מענשליכע נאטור גנב׳עט פון צווייטענס נאטור, און מען פיהלט גאָרניט אז מען האָט שוין יענעם׳ס כאראקטער.) ניט איין מענש איז אזוי געפאלען א קרבן

פון פראָפּאגאנדע, און איז צוריבען געוואָרען אויף טויט דורך דעם אינפלועגס פון צונג — מות וחיים ביד לשון — (מש'-יח) טאָ וויבאלד אזוי ? דארף מען דאָך זיך זעהר שטארק היטען, ניט צו לערנען זיך פון אלע מענשען !

אָט דער גרויסער געלערענטער שמעון בן זומא איז געווען דער סימבאָל פון גרוים חכמה, הרואה בן זומא בחלום יצפה לחכמה — (ברכות-נט) איז דאָך נאָך מעהר קשיה ! פארוואָס זאָגט אזא גרויסער חכם ווי בן זומא, אז מען זאָל זיך לערנען פון אלע מענשען ? אייגענטליך, איז דאָך אָפּט זעהר שעדליך צו לערנען זיך פון אלעמען.

עס איז אויך א קשיה פון דער גמ' (נדה-טז) דאָרטען לערנען מיר דאָך, אז דער רבש"ע איז גוזר אויף יעדען מענשען ביי דעם אָנפאנג פון זיין קומען אויף דער וועלט, טיפה זו מה תהא עליה, חכם או טיפש, טאָ וויבאלד אז דער רבש"ע איז גוזר אויף א מענשען ער זאָל זיין א נאר, טאָ וואָס קען א מענש טהאָן געגען גאָט'ס גזירה ? ווי קען ער זיך קליגען געגען דעם רבש"ע ? און וואָס קען דאָ העלפען זיין לערנען ? מיר ווייסען דאָך אז דער רבש"ע איז — ברוך גוזר ומקיים ! נאר מיר קענען ענטפערען אָט די קשיות מיט דעם פאָלגענדען וועג. בן זומא האָט דאָך ניט געגרייכט צום טיטול — רבי — אבער דאָס איז ניט געווען ווייל ער האָט ניט געלערענט גענוג, פארקערט ! בן זומא האָט זעהר פיעל געלערענט און איז געווען זעהר א גרויסער חכם. די גמ' (נזיר-נט) זאָגט אז בן זומא האָט באזיעגט דעם גרויסען תנא רבי יהושע בן לוי אין הלכה. אז ריב"ל האָט געזאָגט — יבקש אחד מן השוק שידור כנגדו בנזיר, האָט בן זומא איהם געענטפערט — ומי שומע לו שידור כנגדו בנזיר ? און — הודו לו חכמים לבן זומא. עס קען זיין אז די אורזאכע פארוואָס בן זומא האָט ניט געהאט דעם טיטול — רבי — איז ווייל מען האָט דאן ניט געגעבען קיין סמיכה — שפעם אחת גזרה המלכות גז' על ישראל שכל הסומך יהרג וכל

הנסמך יהרג ועיר שסומכין בה תיחרב (סנ׳-יד) אַט דערפאר האָט בן זומא געזאָגט — איזהו חכם הלומד מכל אדם — ד״ה אז מען זאָל ניט דענקען אז דער וואָס האָט ניט דעם טיטול רבי, איז ער ניט אזוי פיעל געלערענט, ווי דער וואָס האָט סמיכה און איז געקרוינט מיט׳ן נאָמען — רבי, ג״ן, עס איז גאָר קיין שום פאקט ניט! אַט איז ער אליין ניט קיין מוסמך, און דאָך האָבען די חכמים מודה געוועזען אז ער האָט באזיעגט ריב״ל. און דאָס אליין צייגט אז חכמים ווערען ניט פערפיהרט דורך כבוד און טיטולען, דער־הויפט פונקט פון א חכם איז צו לערנען פון אלעמען וואָס מען קען נאָר עפּעס לערנען. די רעקלאמעס מיט די טיטולען האָבען ניט קיין גרויסען ווערטה.

אויף ווי ווייט א רעקלאמע מיט א טיטול האָט קיין שום ווערטה ניט, וועל איך דאָס אייך אילוסטרירען דורך פאָלגענדער אמת׳ער פּאסירונג. ר׳ יאשע בער זצ״ל איז אמאָל דורכגע־פאָהרען מיט זיינע קינדער פארביי א דאָרף. א ישוב׳ניק האָט איהם זעהר פיין אויפגענומען, און אזוי ווי דער ישוב׳ניק איז געוועזען זעהר א גרויסער עם הארץ, האָט ער געהאַט געוג חוצפה צו בעטען דעם בריסקער רב ר׳ יאָשע בער׳ן, ער זאָל פאר־הערען זיין אינגעל אויב ער קען דאַווענען? דער אינגעל האָט קוים מיט צרות אָפּגעזאָגט א פּאָר פּסוקים, רופט זיך אָן ר׳ יאָשע בער זצ״ל: איך ווינש זיך אז מיינע קינדער זאָלען אזוי זיין. דער ישוב׳ניק איז ביי זיך געוואָרען זעהר שטאָלץ און פרעהליך פון דעם, אבער אז מען האָט איבערגעפרעגט דעם גאון וואָס ער האָט דערמיט געמיינט, האָט ער געענטפערט: איך וואָלט זעהר וועלען אז מיינע קינדער זאָלען אויך קענען בעסער פון מיר, פונקט ווי דעם ישוב׳ניק׳ס אינגעל קען בעסער פון זיין טאַטען! (עס זיינען דאָ זעהר א סך ישוב׳ניקעס אין ניו יאָרק).

אבער דער אמת׳ער חכם האלט ניט פון אדווערטייזטע רע־קלאמעס. אויב אפילו פון דער נאטור פון געבורטה איז א מענש

ניט קיין חכם, אבער אז ער לערענט פון אלעמען ווערט ער א חכם, ווייל — יגעתי ומצאתי תאמין ה"מ בדברי תורה, ולדברי תורה לא אמרן אלא לחדודי אבל לאוקמי גירסא סייעתא מן שמיא היא (מג'-ו) רש"י: שלא תשתכח ממנו סייעת דשמיא ויש יגע ואינו מוצא. אין פשוט'ע ווערטער מיינט דאָס: אז אויב דער רבש"ע איז גוזר אויף א מענשען אז ער זאָל זיין א נאַר, קען איהם שוין קיין זאך ניט העלפען, נאַר (1) איין זאך קען איהם יע העלפען, די הייליגע תורה קען איהם העלפען. דער רבש"ע האָט אריינגע־געגעבען אזא גוואלדיגען כח אין דער תורה, אז אפילו דער נאַר קען, דורך לערנען תורה, ווערען אויסגעשליפען און קריגען א שארפען מח, נאַר איין זאך קען ער ניט העלפען, ער קען ניט באשאפען אליין קיין זכרון, דאָס איז שוין א גזירת הקב"ה — טיפה זו, חכם או טיפש.

דער וואָרט אדם איז בגימט' — מה, און דער וואָרט — חכמה — איז צוזאמענגעשטעלט פון 2 ווערטער — כח — מה — דער געבאָרענער חכם, דער בעל כשרון, די גוטע קאָפּ, איז טאקע א חכם, אבער אויב ער לערענט ניט פון אלעמען, פעהלט איהם דער כח, פון — מה — ד"ה אין פשוט'ען מאמע לשון — ער איז א חכם, אבער ער האָט ניט דעם כח — מה — אָט דאָס זאָגט די תורה — כי מה ד' א־לקיך שאל ממך (עקב) דער רבש"ע פער־לאנגט פון דיר דו זאָלסט ארבייטען צו דערגרייכען דעם כח פון — מה.

מען האָט אמאָל געפרעגט אבוקראט'ן דעם פילאָזאָף, מיט וואָס שטייגט אריבער אייער חכמה פון אנדערע פילאָזאָפען? האָט ער געענטפערט, דערמיט וואָס איך ווייס אז איך האָב זעהר ווענניג חכמה. אט דאָס מיינט דער כח — מה, וואָס קען איך און וואָס ווייס איך?

דער פילאָזאָף אריסטוטלס זאָגט: עס זיינען דאָ זעהר פיעל חכמות, דערפאר דארף א מענש ארויסנעמען די בעסטע און

שעהנסטע זאכען פון יעדער חכמה, ווייל די ביהן האטש זי האט זעהר פיעל בלומען, דאך עסט זי ניט, נאר די בעסטע פון זיי.

אט דער געדאנק ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון — לומד מכל אדם — דאס מיינט: אז ווען מען רעדט מיט אירגענד וועלכען מענשען, דארף מען זעהן, אויב עס איז דא דערביי א למוד ? אויב מען קען עפּעס לערנען פון דעם ? און אויב ניט ? איז א שאד די צייט, ווייל עס זיינען דא זעהר פיעל בלומען !

א חכם, ווען ער דארף לערנען דער מענשהייט, גיט ער אריין אין זיינע ווערטער טיפזיניגע געדאנקען, און דערפאר, ווען דער חכם האלט זיינע דרשות, דארף מען זיין שטארק פאר־זיכטיג ניט צו פערלירען דעם מיינונג פון יעדען ווארט.

למשל: ארב האט אמאל געזאגט אין זיין דרשה, אז בערלין איז פול מיט תורה און תרי"ג מצוות . . . — — — — — — — — — ווייל ווער עס קומט דארטען לאזט ער דארטען איבער די תורה.

א גרינער רב האט אמאל געזאגט צו א קארגען גביר, אז ניט נאר וואלגערט זיך גאלד אין די גאסען פון אמעריקע, נאר נאך מעהר ! די גאלד ליגט אין דער בלאטע . . .

א רב האט אמאל געשיקט א בריעף צו זעהר א רייכע חתן כלה, גראטולירענדיג זיי צו זייער חתונה. מען קען זיך פאר־שטעלען וואס פאר א קלוגע, שעהנע ווערטער ער האט דארטען געשריבען. האט זיך אבער דער טינט צופלאסען און געמאכט אייניגע קלעקען. דער ת"ח האט ניט געהאט קיין צייט און גע־דולד צו איבערשרייבען. האט ער פארענדיגט דעם לעטער מיט די ווערטער, טייערע חתן כלה ! די פען האט געמאכט אייניגע קלעקען, איך נעם דאס אן, אזוי ווי די פען וואלט אייך וועלען זאגען, איהר זאלט אויף אייער גרויסען לעבענס וועג האבען אלעס גוטעס, און זאל אייך „קלעקען" אויף אלעס, איהר זאלט האבען ביידע זאכען, אי צייט, אי געלט, ווייל די גרויסע גבירים, ווען

זיי האָבען געלט, האָבען זיי דאָך ניט קיין צייט פאר אידישקייט. און ווען זיי האָבען שוין צייט (טויטערהייט), דאן האָבען זיי שוין ניט קיין געלט.

מיינע פריינדע, און צוהערער! איך האָב נאָך זעהר פיעל צו זאָגען אויף דער משנה, נאָר אזוי ווי איך רעד צו אייך דורכ'ן געדרוקטען וואָרט, און עס קאָסט טייער דער דרוק, טאָ זאָל דאָס היינטיגען מאָל קלעקען.

דער סיסטעם פון די חכמי התלמוד איז א סיסטעם פון — מאי קא משמע לן — דאָס מיינט: אז מען דאַרף פון אלעם לערנען און קריגען א דערהער פון אלעם, אפילו פון א קלעק, קען מען אויך לערנען א חכמה.

א מאן איז אמאָל געזעסען און געלייענט א זעהר שיינעם בוך, האלטענדיג דעם בוך פערקערט. דאָס האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אלע מיטרייזענדע. זיי האָבען זיך אלע אינ-טערעסירט דערמיט, די ענדע איז געווען אז דער מאן האָט זיי אלעמען פארקויפט זעהר פיעל ביכער. דער מאן איז געווען א מחבר פון — תבת נח — זעהענדיג די קאָרופטע סיסטעם פון אדווערטייזען, און פון די נארישעוואטע קריטיקער, האָט ער בא-שלאָסען אליין צו אדווערטייזען זיינע ביכער. ער פלעגט אויף זיינע רייזעם אויסרייסען א בוך פון די טאָוולען, איבערקעהרען די טאָוולען, אז דער נאָמען פון בוך זאָל זיין פארקערט, און דער עולם האָט געמיינט, אז ער לייענט פארקערט.

דאָס מיינט: — ויחכם מכל האדם, אפילו מן השוטים — מען דאַרף אמאָל זיך אליין מאכען צום נאר! לדוד בשנותו את טעמו!

דער תנא בן זומא האָט דאָס אלעם אויסגעדריקט אין די עטליכע ווערטער — איזהו חכם? ער האָט אין די ווערטער אויך אָנגעוואונקען אז דערפאר האָט מען גערופען דעם תנא רבי מאיר

מיט'ן נאמען — חכם — דתניא איסי בן יהודה חלוי היה מונה שבחן של חכמים ר"מ חכם וסופר (גיטין-סז), ווייל רבי מאיר האט געלערענט תורה אפילו פון אחר'ן. ת"ר מעשה באחר שהיה רוכב על הסוס בשבת והיה ר"מ מהלך אחריו ללמוד תורה מפיו (חגיגה-טו).

און היינטיגע צייטען, אז א איד פרעגט זיך נאך וואו וואהנט דא ערגיץ ארב א חכם ? ווען די נארישע עמי הארצים איהם אנצייגען אויף אזא רב, וואס ער לערענט פון קיינעם ניט, ווייל אויב ער לערענט פון אלעמען, איז ער דאך ניט קיין למדן ! אזוי דענקען די שוטים, אבער אונזער ראש ישיבה לערענט אלעמאל, ווייל — ומתלמידי יותר מכולן !

ביי א חתונה זאגט דער ראש ישיבה צום חתן : זאג מיר נאך : „הרי את" — דער בחור זאגט נאך, אבער דעם ווארט „לי", קען דאך דער ר"י ניט זאגען—זאגט ער צום חתן : וואס איז נאך בעדפארד עווענו ? זאגט דער בחור : „לי".

משנה כה — אלישע בן אבויה אומר הלומד ילד למה הוא דומה לדיו כתובה על ניר חדש

דרשה יב — לחנוך הבנים וליום הדין

אין דער אמת'ן איז דא א גרויסע קשיה !

די חז"ל האבען דאך געקריטיקירט רבי מאיר'ן פארוואס ער לערענט תורה פון אחר'ן (חגיגה-טו) אשכחיה רבה בר שילא לאליהו א"ל מאי קא עביד הקב"ה ? א"ל קאמר שמעתא מפומייהו דכולהו רבנן ומפומיה דר"מ לא קאמר, א"ל אמיי ? משום דקא גמר שמעתא מפומיה דאחר.

מיר קענען דאס פארשטעהן דורך א משל. א רעפארם רבאי האט אמאל געוואלט האלטען א דרשה אין אן ארטאדאקסישע שוהל. האט דער רב פון שוהל איהם ניט אריינגעלאזען. סטייטש ! האט דער פרעזידענט געטענה'ט צום רב: פארוואס לאזט איהר

איהם ניט זאָגען? ער זאָגט דאָך זעהר גוטע שטיקלאך תורה, און מען האָט פערגעניגען פון זיינע דרשות. רופט זיך אָפּ דער רב, דאָס איז די זעלבע זאַך ווי א אידענע וואָס האָט געקויפט כשר'ע פלייש און אויסגעזאלצען כדין וכדת, אבער זי האָט דאָס געקאָכט אין אַ טרפה'ן טאָפּ, אט אזוי זיינען דאָס די רעפאָרם רבאי'ס. די דרשה קען זיין איז טאקע ניט טריף, אבער דער טאָפּ איז דאָך טריף. איז דאָך א קשיה! טאָ ווי אזוי קען איך דאָ לערנען יעצט ברבים אט די כשר'ע און הייליגע ווערטער פון אלישע בן אבויה? ער איז דאָך געווען א רעפאָרם רבאי! ער איז דאָך געפאָהרען שבת! (חגיגה-טו) אחר קיצץ בנטיעות (חגיגה-יד). מען קען ניט פארענטפערען די קשיה, אז דאָס זיינען די זאכען וואָס אחר האָט געזאָגט ביפאָר ער איז ארוים לתרבות רעה און דאָס מעג מען לערנען. ניין! מען קען אזוי ניט זאָגען! ווייל אויב אזוי טאָ פאר־וואָס פרעגט די גמ' ור"מ היכי גמר תורה מפומיה דאחר? פיעלייכט האָט ר"מ געלערענט פון איהם אזוינע שטיקלאך תורה וועלכע ער האָט שוין געזאָגט נאָך איידער ער איז ארוים לתרבות רעה (חגיגה-טו). (אָט דעם פשט'ל זאָג איך בלויז „לחדודי", חאָטש ער איז ניט לאָגיש. און צווייטענס, איז דאָך די עצם משנה קשה, אב"א זאָגט הלומד ילד. אט האָט דאָך רבי עקיבא ביז 40 יאָהר גאָרניט געלערענט (בן ארבעים שנה היה ולא שנה כלום, פעם אחת היה עומד על פי הבאר אמר מי חקק אבן זו? . . . המים שתדיר נופלים עליה. מיד היה רע"ק דן ק"ו בעצמו, מה רך פסל את הקשה דברי תורה שקשה כברזל על אחת כמה וכמה שיחקקו את לבי (אבות דר"נ פ"ק-ו) כל ת"ח שאינו קשה כברזל אינו ת"ח שנאמר וכפטיש יפוצץ סלע (ירמיה כג) אנן מהכא מתנינן לה דכתיב (דברים-ח) ארץ אשר אבניה ברזל אל תקרי בניה אלא בוניה (תענית-ד).

און דאָך האָט רבי עקיבא דערגרייכט אזוי פיעל תורה אז ער איז אפילו ארוים פון פרדם בשלום (חגיגה-יד) ר"ע יצא בשלום.

עס איז נאָך מעהר קשה ! וואָס אב"א זאָגט (אין אבות דר"נ פ"ק-כד) הלומד תורה בילדותו דברי תורה נבלעין בדמיו ויוצאין מפיו מפורשין, סטייטש ! אט האָט דאָך רבי עקיבא צו 40 יאָהר ערשט אָנגעפאנגען אלף בית און 13 יאָהר שפּעטער האָט ער געלערענט תורה ברבים — סוף שלש עשרה שנה לימד תורה ברבים (אבות דר"נ-פ"ק-ו) שנים עשר אלף זוגים תלמידים היו לו לרבי עקיבא (יבמות-סב) איז דאָך א בעוויז אז רבי עקיבא האָט גוט מפרש געווען די תורה, ווייל ער האָט דאָך געהאט אזוי פיעל תלמידים.

דעם ענטפער צו די קשיות, קענען מיר געפינען אין די ווערטער — לדיו כתובה על ניר חדש — ער זאָגט ניט — הכותב על ניר חדש — נאר — דיו כתובה — אין פּשוט'ע ווערטער מיינט דאָס: דער אונטערשיעד פון שרייבען אויף נייעם פאפיער, ביז שרייבען אויף אפגעמעקטען פאפיער ווערט דערקענט דורכ'ן טינט. אויף נייעם פאפיער קומען ארויס די בוכשטאבען אזוי קלאהר און פריש, דער טינט זעהט זיך אזוי גוט אָן, עס איז אזוי אָנגענעהם צו לייענען.

די זעלבע זאך איז די חכמה פון דער תורה. ווען די ווערטער פון דער תורה ווערען געשריבען אויף דעם מח און הארץ פון א יונגען קינד, וואָס האָט נאָך אין זיין מח קיין אנדערע חכמות ניט אריינגעקריצט, דאן ווערען די ווערטער פון דער תורה איינ געזאפּט אין זיין בלוט. און פונקט אזוי ווי בלוט איז דער פונקציאן פונ'ם מענשענ'ס לעבען, אט אזוי ווערען די ווערטער פון דער תורה, א טהייל פון דעם קינד'ס לעבען; און אפילו שפּעטער ווען ער ווערט שוין אלט און קאלט. פון אזא פנים שטראהלען ארוים די ליכטיגע אותיות פון דער תורה. און ניט אומזיסט האָט אב"א ארויסגעגעבען אזא שטארקען שטראם ליכט ווי זיין תלמיד רבי מאיר. מען האָט דאָך איהם גערופען דעם נאָמען ר' מאיר, ווייל — מאיר עיני חכמים בהלכה — (עירובין-יג). די תורה וואָס

אב"א האט געלערענט אין זיין יוגענד האט אין זיך געהאט אזא מאגנעטישע ליכט, אז רבי מאיר האט זיך ניט אפגעהאלטען צו לערנען פון איהם תורה אפילו ווען ער איז געפאהרען שבת. און אין יאהרען שפעטער ווען אחר איז שוין ניט געווען, איז זיין טאכטער געקומען צו רבי'ן ער זאל איהר געבען עפעס אויף פרנסה. האט זיך רבי אנגערופען סטייטש ! ווי קומט דאס וואס עס איז געבליבען פון אחר'ן קינדער ? דער פסוק זאגט דאך לא נין, ולא נכד בעמו (איוב-יח). האט אחר'ס טאכטער געזאגט — זכור תורתו ואל תזכור למעשיו — איז באלד אראפ א פייער פון הימעל און האט פארסמאליעט דעם שטוהל פון רבי'ן (חגיגה-טו).

דער וואס באליידיגט א תלמיד חכם איז גלייך ווי ער ווארפט אראפ א ספר תורה, ווייל א מענש וואס הארעוועט צו פארשטעהן די תורה איז דאך אליין א לעבעדיגע תורה, און די ווערטער פון דער תורה זיינען דאך אזוי ווי פייער און זיי קענען פארברענען אלע וועלכע קריכען אויף'ן פייער, אז דער וואס לערענט תורה מיט פערשטאנד איז פונקט ווי א ספר תורה. וועל איך דאס אייך געבען צו פערשטעהן דורך א משל.

א גרויסער געלערענטער האט אמאל געזעהן ווי אנטיסע-מיטען האבען געברענט גרויסע פעק מיט גמרות. האט ער אויס-געשריען: ווארפט מיך אויך אריין אין פייער ! ווייל איך קען אט די אלע ספרים אויסענווייניג. אבער אום צו ווערען א געלערענטער מענש, דארף מען לערנען אין די קינדער יאהרען. די גמ' זאגט (נדה-ל) למה הילד דומה במעי אמו לפנקס — דער ווארט — פנקס — מיינט א בוך אויף וועלכען מען דארף ערשט שרייבען. און די ווערדע פון אזא בוך קען מען ערשט וויסען פון דעם וואס עס ווערט אין איהם אנגעשריבען. אזוי איז א מענש, זיין ווערדע הענגט אפ אן דעם וויפיעל חכמה ער האט געלערענט.

א איד איז אמאל צוגעגאנגען צו דעם מינסקער גדול און אין

דער אנוועזענהייט פון אלעמען איהם געזאָגט: געדענקט איהר, רבי, ווען מיר זיינען געווען קליינע קינדער, האָבען מירביידע זיך געשפילט אין פערדלאך ? געווים געדענק איך ! האָט דער גדול געענטפערט, אמאָל פלעג איך זיין א פערד, און אמאָל ביזט דו געווען א פערד, אבער די פראגע איז ווער איז געבליבען אויף׳ן ענדע ביז היינט דער פערד ?

אין וואָל סטריט פלעגען אמאָל ארומגעהן בהמות און מיר פלעגען זיי מעלקען, היינט איז פערקעהרט, היינט מאכען זיי אונז פאר די בהמות און מעלקען אונז. ווען מיר זאָלען אבער לערנען אין דער יוגענט וואָלט ניט געוועזען קיין צוויי פיסיגע בהמות, און די וועלט וואָלט ניט געווען אזוי שרעקליך רואינירט. דער תנא אב״א האָט דאָס אונז געלערענט. מיר דארפען זיינע ווערטער פארשפרייטען צווישען די מאססען ! ווייל דאָס איז דער וועג ווי צו ראטעווען די מענשהייט פון אונטערגאנג. ווען עס האנדעלט זיך וועגען ראטעווען א מענשענס לעבען און איבערהויפט די גאנצע וועלט, רעכענען מיר זיך ניט ווער דער דאָקטאָר איז, נאר דער עיקר איז, אויב די מעדיצין איז ווירקזאם ? דער בעסטער מעדיצין צו ראטעווען די וועלט איז די תורה, אבער מען מוז די תורה אָנפאנגען לערנען ווען מען איז א קינד. דער תנא רבי עקיבא האָט ביז 40 יאָהר טאקע גאָרניט געלערענט. נאר די ליבע צו זיין פרוי רחל׳ן האָט איהם געגעבען דעם ערשטען שטויס צום לערנען. און נאָכדעם האָט איהם שוין די תורה אליין אריינגענומען אין איהרע ארעמס. אזוי ווי אן עלעקטרישער האמער וואָס שמע־טערט שטיינער און מאכט פון זיי ברעקלאך, אזוי האָט רבי עקיבא געשמעטערט אלע שווערע געדאנקען. ער האָט צוגעצויגען 24,000 תלמידים. נאָכדעם ווי זיי זענען אלע אויסגעשטאָרבען האָט ער נאָכאמאָל פארשפרייט די גרויסע חכמה פון דער תורה פאר אנדערע תלמידים, און די תורה איז ניט פארגעסען געוואָרען.

די תורה זאָגט (סדרה בא) ולמען תספר באזני בנך וידעתם כי

אני ד'. אין די ווערטער איז באהאלטען אַט דער נויטיגער געדאנק. דער פאָטער וואָס וויל אז די אויערען פון זיינע קינדער זאָלען האָבען דעם אמת'ן דערהער אין — אמונת ד', דאן מוז דער פאָטער אליין אויך וויסען אז עס איז דאָ א גאָט ! אויב אז — תספר ? דארף זיין פריהער — וידעתם !

טאָ וויבאלד אזוי, איז דאָך נאָך אמאָל א קשיה, ביי אב"א איז דאָך שוין ניט געוועזן דער — וידעתם כי אני ד' — טאָ ווי אזוי קען זיין תורה ווירקען, אז מיר זאָלען דאָס קענען גוט אריינ־נעמען אין אונזערע אויערען ? נאָר אין דער אמת'ן איז די משנה וואָס אב"א זאָגט דאָ, פונקט ווי איינער וואָס פרעגט זיך נאָך אין גאָס ביי מענשען מען זאָל איהם זאָגען וואו איז דער בית המדרש? וועט דאָך קיינעם ניט איינפאלען צו זאָגען אז אויב דער פרעגער איז ניט קיין מאמין אין גאָט טאָר מען איהם ניט ענטפערען. אט אזוי איז אויך דאָ אב"א צייגט אָן דעם וועג ווי אזוי צו געהן אין בית המדרש און לערנען תורה.

עס איז דאָ א וועלט קשיה, סטייטש ! פארוואָס האָט דער רבש"ע אזוי געפיהרט אז די קינדער פון משה רבינו זיינען ניט געוועזן ביי מתן תורה ? יתרו איז דאָך געקומען מיט זיי ערשט נאָך מתן תורה. נאר צו צייגען דער וועלט, אז פונקט ווי מרע"ה האָט געמוזט איבערגעבען זיינע קינדער דעם גאנצען ענין פון „מתן תורה", אט אזוי איז די פליכט פון אונז צו איבער־געבען אלע גוטע חכמות צו אונזערע קינדער, ושננתם לבניך !

פארוואָס זאָגט שלמה המלך — לא לחכמים לחם (קהלת־ט) מיט'ן לשון רבים ? פארוואָס זאָגט ער ניט מיט א לשון יחיד — לא לחכם ? גאנץ איינפאך ! ווייל דער ערגסטער געשעפט איז: ווען חכמים דארפען האנדלען צווישען זיך, איינער דער צווייטען וויל איבערקליגען, בלייבען זיי ביידע אָן ברויט. אָט דערפאר איז ביי אונז אידען זיינען די חכמים גרויסע ארימע לייט. מיינע פריינדע ! שטיצט די אידישע סופרים און חכמים !

פרק ה, משנה א

בעשרה מאמרות נברא העולם, ומה תלמוד לומר ?

„אלא להפרע מן הרשעים"

דרשה יג — ליום הדין

דער תנא זאגט, אזוי ווי מיר לערנען אין דער תורה, אז גאָט האָט באשאפען די וועלט מיט באזונדערע צען מאָל זאָגען ! די זאך זאָל ווערען באשאפען ! און נאָכדעם אן אנדער זאך זאָל ווערען באשאפען ! צו וואָס האָט דער רבש"ע געדארפט זאָגען גאנצע צען מאָל ? דער רבש"ע אז ער וויל קען דאָך באשאפען די גאנצע וועלט בלויז מיט (1) איין וואָרט ! נאר דער רבש"ע האָט עקסטרע געזאָגט מעהרערע מאָל אום צו באשטראָפען די רשעים וואָס מאכען קאליע א וועלט פון צען פערשידענע גאָט'ס מאמרות !

איז דאָך די קשיה ! סטייטש ! דער רבש"ע איז דאָך א דער־בארעמדיגער, א מלך רחום ! איז דאָס מעגליך אז ער זאָל וועלען עקסטרע מעהרער שטראָפען און פייניגען מענשען ? ווער דען א ריעל עסטייטניק עקסטרע בויען גרויסע הייזער און לאָזען זיך קאָסטען מעהר געלט ווי עס איז נויטיג, נאָר צוליעב דעם אז מען זאָל קענען נעמען מעהר פאר'ן שאָדען, פון דעם וואָס וועט מאכען א פייער און אונטערצינדען זיי ?

האָט דען גאָט געגרינדעט א וועלט צוליעב שטראָפען

רשעים ? פארוואָס זשע זאָגט דער תנא באלד — להפרע מן הרשעים ? פארקערט ! דער ערשטער וואָרט פון דער תורה — בראשית — מיינט דאָך אז די וועלט איז באשאפען געוואָרען צוליעב דער תורה וואָס ווערט אָנגערופען — ראשית דרכו — און צוליעב דער פאָלק וואָס וועט אויפהאלטען די תורה !

ווילען מיר דאָס ענטפערען מיט א משל. א קעניג האָט אוועקגעגעבען צוויי פון זיינע זייגערס צו צוויי באזונדערע מעכאניקער אז זיי זאָלען דאָס פאררריכטען. (1) איין זייגער איז געווען זעהר א וואונדערבארער קאָמבינירטער מעכאניזם, און איז געווען געמאכט פון טייערען גאָלד און דימענטען. דער אנדערער איז געווען א גאנץ געוועהנליכער פראָסטער זייגער. די ענדע איז געווען אז דיביידע מעכאניקער האָבען פארנאכלע־סיגט זייער ארבייט, און האָבען אינגאנצען צובראָכען די זייגערס. האָט דער קעניג זעהר שווער באשטראָפט דעם מעכאניק פון דעם פראָסטען זייגער אבער דעם אנדערען האָט ער געגעבען א מילדערען שטראָף. דאָס האָט ארויסגערופען ביי די מענשען פון לאנד גרויס באוואונדערונג, אבער נאָך מעהר איבערראשט זיינען זיי געווען, אז, ווען אין א צייט שפּעטער האָט דער קעניג נאָך אמאָל אוועקגעגעבען אזוינע (2) זייגערס און דעם מאָל האָבען ביידע ארבייטער געמאכט גוט, און פאררריכט די זייגערס, האָט דער קעניג געגעבען צו דעם וואָס האָט צו רעכט געמאכט דעם גאָלדענעם זייגער׳ל זעהר א גרויסע מתנה, אבער דעם אנדערען האָט ער געגעבען א קליינע מתנה. האָט א מיניסטער געפרעגט, וויבאלד אז דער קעניג האָט באשטראָפט פאר׳ן צוברעכען דעם פראָסטען זייגער מעהרער ווי פאר׳ן גאָלדענעם, איז דאָך א סימן אז דער פראָסטער זייגער האָט ביי דעם קעניג מעהר (חשיבות) ווערטה ווי דער גאָלדענער, טאָ פארוואָס זשע ווען ער האָט געדארפט באלוינען, האָט ער דאן ארויסגעצייגט אז דער גאָלדענער איז ביי איהם מעהר חשוב ? ווייל ער האָט באצאָהלט

דעם וואס האט פארריכט דעם גאלדענעם פיעל מעהר, ווי דעם אנדערען. האט דער קעניג געענטפערט: עס איז גאנץ פשוט און לאגיש! אז ווען א מאשיניסט צוברעכט א מעכאניזם, וואס איז זעהר קאמפליצירט, דאן איז ער ניט אזוי שולדיג, אבער אז א פאך מאן צוברעכט אן איינפאך שטיקעל מאשינערי, דאן איז ער א פארטאטש, א גראבער יונג. ווען אבער, פארקערט, אז איינער פארריכט א קאמפליצירטע מאשין, דאן קומט דאך איהם פיעל מעהרער „שכר", ווי דעם וואס פארריכט א געוועהנליכע מאשין. דערמיט וואס דער רבש"ע האט באשאפען אזא קאמפליצירטע וועלט מיט צען פארשידענע סיקרעטנע אינסטרומענטען. דער־מיט האט ער געטהאן (2) זאכען, אום צו פארלייכטערען פאר די מענשען וואס צושמעטערען די וועלט שוין אזוי פיעל יאהרען און באצאהלען א גרויסען שכר צו די וואס לאזען דאך די וועלט ניט אונטערגעהן.

און ווייל די גרעסטע טובה האט דער רבש"ע דורך דעם געטהאן צו די רשעים, דערפאר פאנגט ער גלייך אן מיט דעם לשון — להפרע מן הרשעים — ד"ה אז די רשעים ווערען פיעל וועהניגער באשטראפט דערפאר ווייל — בעשרה מאמרות נברא!

מיר קענען טייטשען די משנה אזוי: ומה תלמוד לומר? ד"ה צו וואס דערצעהלט אונז דער תנא אז — בעשרה מאמרות נברא העולם? מאי קא משמע לן? אלא! דער תנא לאזט אונז די ערשטע זאך וויסען אז פון אונזער אייגענער טובה וועגען זאלען מיר זיך היטען ניט קאליע מאכען אזא גוטע וועלט וואס איז באשאפען געווארען אויף צען שטארקע פונדאמענטען פון גאט'ס ווערטער. די ווערטער להפרע מן הרשעים איז א ווארנונג! איי! וועסטו דאך וועלען פרעגען, טא צו וואס טאקע האט דער רבש"ע געדארפט צען מאמרות? נאר דאס האט ער עקסטרע

געמאכט אזא קאמפליצירטע וועלט צוליעב דעם „שכר" פון די צדיקים.

עס האט אמאל געטראפען אז א יונגערמאן איז נעבאך געשטארבען און איבערגעלאזען א קליינעם קינד, א אינגעלע פון א (3) יאהר. ווען מען האט געבראכט אין הויז דעם ארון מיט א שווארצען טוך, און א זילבערנעם מגן דוד אויסגענעהט פון אויבען, מיט אזוינע באזילבערטע פרענדזשעס, איז צוגעגאנגען דער אינגעלע און זיך געשפיעלט מיט דעם מגן דוד, און מיט די זילבערנע קוטאסלאך. אז דער רב איז אריינגעקומען זאגען דעם הספד און דערזעהן ווי דער אונשולדיגער יתום׳ל שפיעלט זיך מיט׳ן צודעק טוך, האט זיך דער רב ניט געקענט איינהאלטען און אויסגעבראכען אין א געוויין. ער האט גענומען קושען דעם קינד און געזאגט צו זיך אליין: קינד מיינס! יתום׳ל! ווען דו ווייסט נעבאך ווער עס ליגט דא אונטער׳ן צודעק, וואלסטו זיך שוין יעצט ניט געשפיעלט.

מיינע פריינדע! אט אזוי זיינען דא א סך רשעים. זיי האבען ניט קיין באגריף אז זיי רואינירען די וועלט. יעצט ווען מיר בלאזען שופר און מיר הערען דעם שברים תרועה טעהו — טו, טו! טעהו! וואס דאס מיינט דאך — גנוחי גנח ילולי יליל — זיינען דא נעבאך א סך מענשען וואס זיי זיינען אזוי ווי קליינע קינדער וואס פארשטעהען גארניט אז מיר זיינען יעצט פאר׳ן „מלך המשפט". מיר דארפען אויסבעטען ביי איהם אז מיר זאלען ניט דארפען חו"ש ליגען אונטער׳ן צודעק ר"ל, מיר דארפען דערפאר שטעהן און בעטען ביי דעם רבש"ע מיט טרערען אין די אויגען, עס זאל אויף אונז מקוים ווערען דער פסוק „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, כי אני ד׳ רופאך" (בשלח) דאס הייסט אז מיר זאלען זיין געזונט!

עס איז דא א קשיה! אין דעם פסוק, ווייבאלד אז דער רבש"ע זאגט אונז צו אז מיר וועלען ניט זיין קראנק, טא צו וואס דארף

ער אונז נאָכדעם היילען? וויבאלד אז — כל המחלה לא אשים עליך — טאָ צו וואָס דארף ער נאָך זאָגען — אני ד' רופאך?

נאָר אט די קשיה מוז מען ענטפערען דורך נאָך א קשיה. די תורה זאָגט — אנכי ד' א-לקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים — האָט דאָך די תורה בעסער געדארפט זאָגען — אנכי ד' א' אשר בראתי שמים וארץ — צו באשאפען דעם הימעל און ערד פון גאָרניט, ד"ה א — יש מאין — איז דאָך מעהר וואונדער! ווי ארויסנעמען א פאָלק פון א שקלאפעריש לאנד, נאָר די תורה לאָזט אונז דאָ הערען א גרויסע נייעס! אז חאָטש דער רבש"ע וויל דאָך אלעמאָל טהאָן בלויז גוטעס צו מענשען, דאָך האָט ער די מצריים געמוזט שטארק שלאָגען און פייניגען זיי מיט אזוי פיעל מכות, ווייל די מכות וואָס די מצריים האָבען געקריגען זיינען א רפואה פאר די וואָס האָבען ניט געוואָלט גלויבען אין גאָט, אָט דאָס איז געווען דער גרעסטער וואונדער, אז דער רבש"ע, דער בעל הרחמים, זאָל אָנווענדען אזוי פיעל אכזריות געגען די מצריים. מיר ווע̇לען דעם פסוק אזוי טייטשען, כל המחלה אשר שמתי במצרים, וועל איך דאָס אויף דיר ניט טהאָן, ווייל פון פייניגען די מצריים קומט ארוים פאר דער וועלט א טובה! אבער וואָס פאר א טובה קען ארויסקומען אז חו"ש אידען זאָלען קראנק ווערען? אָט דערפאר פאנגט די תורה ניט אָן די עשרת הדברות מיט — אנכי אשר בראתי את העולם, ווייל די באשאפונג פון דער וועלט, דאָס איז געווען א נאטירליכע זאך, צוליעב דעם ווייל גאָט וויל טהאָן גוטעס צו מענשען. אט דאָס איז די אורזאכע פון — בעשרה מאמרות וכו' . . . אָט דאָ אויף דער וועלט קען מען זעהר פיעל אויפטהאָן און אָנגרייטען אז מען זאָל האָבען אויף דער אייביגער וועלט. דערפאר דארף מען בעטען ביי גאָט אז מען זאָל לעבען! און זיין געזונט!

די מעהרסטע פון אונז, מענשען, האָבען אזוי ליעב דעם לעבען, אז צו די עלטערע יאָהרען, ווען עס איז שוין נימאָ קיין

כה צו טראָגען דעם לעבען . . . טראָגט מען איהם אויף די פּלייצעס . . . די גוטע מענשען האָבען ליעב דעם לעבען . . . ווייל ווען זיי לעבען קענען זיי טהאָן א סך גוטעס צו מענשען. ווען משה רבינו איז געשטאָרבען, זאָגט די תורה — ולא ידע איש את קברתו — קען מען זאָגען דעם געדאנק, אז וואו מען האָט זיך נאָר א קעהר געטהאָן, האָט מען געזעהן אז משה פעהלט דאָ אוים. איז געקומען צו צדקה זאבען, זעהט מען זיך ארום, אז עס פעהלט דאָ אוים משה׳ס פיהרערשאפט, איז געקומען צו תורה עניניב, זעהט מען זיך ארום. אי! עס פעהלט משה רבינו! יעדער מענש האָט געפיהלט אז עס פעהלט איהם אוים אונזער משה רבינו! גוואלד! וואו איז משה? אָט דאָס מיינט — ולא ידע איש את קברתו! יעדער איינער האָט געטענה׳ט אז משה׳ס קבר איז ביי איהם, און נאָר איהם אליין פעהלט ער, אבער אין דער אמת׳ן האָט ער געפעהלט אלעמען, אט אזוי, מיינע פריינדע, איז דער גוטער מענש! מיר דארפען זעהן צו זיין גוט צו מענשען, און טהאָן צדקה! אום די וועלט זאָל בעטען פאר אונזער לעבען!

א גרויסער גביר, א קארגער, איז געווען זייער קראנק. פאר־שרייבט איהם דער דאָקטאָר א מעדיצין צום שוויצען. רופט זיך אָפּ דער גביר: גיט מיר דעם פּרעסקריפּשאָן און איך וועל איהם אונטער׳חתמ׳ענען. מען דארף ניט אייער החתימה אויף דער פּרעסקריפּשאָן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. איהר פער־שטעהט — רופט זיך אָפּ דער קראנקער — אז איך דארף זיך אונטערשרייבען, הויב איך אָן שוויצען! וועל איך פארשפּאָרען אויסגעבען געלט אויף׳ן מעדיצין. רבותי! זייט ניט ווי יענער קמצן! דער בעסטער מעדיצין איז געבען צדקה! ווען מען גיט א סך געלט אויף צדקה, מאכט דאָס צו שוויצען! אבער דער שוויצען איז געזונט פאר אייך. און אז איהר וועט פערשרייבען אייער נאָמען אויף׳ן ליסט פון צדקה, וועט מען אייך באצאָהלען אין הימעל — מדה כנגד מדה — און פערשרייבען אייך לעבען!

משנה ז — שבעה דברים בגולם ושבעה בחכם... ואינו נכנס לתוך דברי חברו, ואינו נבהל להשיב... ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי... וחלופיהן בגולם

דרשה יד — אן אפיעל צו שטיצען א בית ועד לחכמים

דער תנא איז דאָ זעהר מקצר. ער רעכענט ניט אוים די אור־זאכען פאַרוואָס מען רופט אמאָל א מענשען מיט׳ן נאָמען גולם? נאָר ער זאָגט, אז ווען א מענש האָט ניט די אויסגערעכענטע 7 מעלות פון דעם חכם, איז ער א גולם. איז דאָך א קשיה! סטייטש! דערמיט וואָס א מענש האָט ניט די פעהיגקייטען פון א חכם, איז דאָס אליין גענוג צו פעראורטיילען איהם צום נאָמען גולם? איך האָב אין מיינע רייזעס ארום דער וועלט, באגעגענט פיעל מענשען וואָס זיינען ניט קיין חכמים, אבער דאָך זיינען זיי געווען ווייט פון צו זיין גולם׳ס. און וויבאלד אז דער תנא וויל שוין יאָ מקצר זיין, האָט ער דאָך גאָרניט געדארפט אָנפאנ־גען מיט׳ן גולם, מיט אזא צרה! נאָר ער האָט געקאָנט זאָגען — שבעה דברים בחכם — און נאָכ׳ן אויסרעכענען די 7 מעלות פון חכם, זאָגען — וחלופיהן בגולם — עס איז אויך קשה! פאַרוואָס דער תנא זאגט — לתוך דברי חברו — ער האָט דאָך געקאָנט מקצר זיין און זאָגען — ואינו נכנס לדברי חברו — און נאָך א קשיה! די מעלה וואָס ער רעכענט אוים, אז אויף א זאך וואָס ער האָט ניט געהערט, זאָגט ער, איך האָב ניט געהערט! פאַר־שטעהען מיר ניט, וואָס איז דאָס פאר א שיכות מיט׳ן חכם? דאָס האָט דאָך גאָר צו טהאָן מיט׳ן אמת! און ניט מיט חכמה, און דער תנא רעכענט דאָך אוים עקסטרע די מעלה פון — ומודה על האמת — איז דאָך דער — לא שמעתי — איבעריג פון אלע שטאנדפונקטען.

דער רמב״ם ערקלערט, אז דער וואָרט — גולם — מיינט אזא מענש וואָס האָט גראדע שכל און גוטען כאראקטער, נאָר

ער איז ניט קיין געסעטעלטער מענש, אזוי ווי מען זאָגט, א צו־טראָגענער! אזוי ווי א כלי, וואָס דער מאכער האָט זי ניט גע־ענדיגט קאָמפּליט, פונקט ווי די גמ׳ רופט אָן אין — חולין כה — גולמי כלי עץ שעתיד לשוף... די צרה איז אבער אז וואו איהר טרעפט א זאאיקע, יוערט ער אלעמאָל א רעדנער!

מען האָט אין אונזער שוהל אדווערטייזט פאר א חזן. איז געקומען א איד און געפּאָנפּעט דורך׳ן נאָז א שטיקעל „לכו נרננה". רופט זיך אָן דער פּרעזידענט צום אידען, מיסטער! פארוואָס ווערט איהר ניט אן אנאונסער אויף דער ראדיאָ? וואָס עפּעס אויף דער ראדיאָ? האָבען זיך אלע געוואונדערט! ווייל אלע פאנפאטשעס ווערען דאָך אנאונסערס אויף׳ן ראדיאָ, האָט דער פרעזידענט געענטפערט.

דער תנא זאָגט דעם וואָרט — לתוך דברי חברו — ווייל עס זיינען דאָ אזוינע מענשען וואָס אז זיי הערען ווען א מענש דער־ציילט עפּעס א חכמה, מיינען זיי אז זיי ווייסען שוין דעם גאנצען —תוך, און פאלען אריין אין מיטען יענעם׳ס רעדען. דאָס זיינען אָפּגעקאָכטע חכמים! פארוואָס רוף איך זיי אָפּגעקאָכטע? ווייל אז אפרוי זאָגט צום מאן, דינער איז פארטיג! פארשטעהט מען דאָך, אז דאָס מיינט: עס איז שוין אָפּגעקאָכט! אָט אזוי זיינען די מענשען וואָס האלטען זיך פאר פארטיגע רבנים, חכמים. זיי זיינען אָפּגעקאָכטע, אפילו ווען זיי זיינען גרויסע געלערענטע, זיינען זיי אלץ איינם גולם׳ס!

ר׳ הירש לייב זצ״ל האָט אמאָל געפרעגט א ישיבה מאן א קשיה, האָט דער ישיבה מאן זיך אָנגערופען, רבי! איהר האָט צוגעטראָפען מיט אייער קשיה, א פריהערדיגען גאון וואָס יענער פרעגט דאָס שוין, דער — צל״ח. נו! אויב אזוי? טאָ פרעג עפּעס דו אקשיה! האָט דער ישיבה בחור געפרעגט. רופט זיך אָן דער נצי״ב, דו האָסט יעצט צוגעטראָפען צו מיין ספר „העמק שאלה", איך פרעג דאָרטען די קשיה. ווערט ביי זיך דער ישיבה מאן

גרוים, אז ער קען צוטרעפען דעם נצי"ב'ס א קשיה ! רופט זיך אן דער נצי"ב צו איהם, זיי ביי זיך ניט גרוים ! ווייל איך האב צוגעטראפען צו א גוטען ספר, אבער דו האסט דאך ניט צוגע־טראפען צו קיין גוטען ספר !

עס קען אמאל טרעפען, אז איינער זאל זאגען אזא זאך וואס עס איז שוין געדרוקט געווארען אין פריהערדיגע ספרים, אבער דאך גיט ער צו צו דעם עפעס א שטיקעלע נייעס. אט דאס האט דער תנא געמיינט מיט די ווערטער: — ועל מה — צוליעב די ביסעלע נייעס וואס יעדער געלערענטער מענש קען צוגעבן צו די פריהערדיגע חכמות, אט צוליעב דעם, דארף מען זאגען— לא שמעתי ! איך האב נאך ניט געהערט דעם — מה — א מענש וואס הערט זיך צו צו אלעמען, און לערענט פון אלע ספרים, דער־גרייכט צו די אלע 7 זאכען וועלכע מאכען איהם פאר אזא חכם, וואס מען קען איהם רופען ביידע זאכען: אי חכם, אי — אדם השלם — ד"ה א פולשטענדיג גאנצער מענש, ניטקיין גולם, און ניט קיין אפגעקאכטער.

די ווערטער — ואינו נבהל להשיב — מיינט: ער קען אזוי פיעל תורה, אז ער שרעקט זיך ניט צו ענטפערען באלד, ווי מען פרעגט איהם אויף'ן ארט ! אבער בלויז דער מענש וואס לערנט א סך תורה, יענעם גיט דער רבש"ע חכמה צו קענען אלעם ענט־פערען — יהב חכמתא לחכימין — (דניאל־ב).

ניט ווי יענער איד, וואס איך האב אויף איהם געזאגט, אז ער איז גרעסער ווי משה רבינו. האט איינער מיך אמאל גע־פרעגט, פארוואס זאגט איהר דאס אזא גרויסען שבח אויף יענעם אידען ? סטייטש ! מיט וואס איז ער דאס גרעסער פון משה רבינו ? האב איך איהם געענטפערט, ווייל משה רבינו האט געשריבען א ספר, אבער קיין 1 ווארט איז דארטען ניטא פון זיין אייגענער קאפ, נאר אלעם וואס גאט האט איהם געזאגט.

אבער דער איד איז א שרייבער פון ביכער, און עס איז דאָרטען ניטאָ קיין 1 וואָרט פון גאָט.

מיינע פריינדע! מיר דארפען שטיצען אזא אינסטיטושאָן, וואָס זאָל פארשפרייטען גאָט׳ס וואָרט! מיר דארפען ערציהען גאנצע מענשען! און דאָס קענען מיר גרייכען דורך א — בית ועד לחכמים! מיר דארפען העלפען די אידען וואָס שרייבען ספרים, אין וועלכע עס איז דאָ גאָט׳ס וואָרט! ביי היינטיגע צייטען ר״ל ווערען די שרייבער פון אידישע ספרים ניט אָנער־קענט. א סך מענשען ווילען די ספרים אומזיסט, אדער פאר זעהר קליינע געלט. דאָס אנטמוטיגט די געלערענטע מענשען, און די תורה ליידעט פון דעם זעהר שטארק ר״ל.

די פאָלגענדע געשיכטע וועט אייך דינען אלס משל. די לאנדסלייט וואָס האָבען געבראכט אהער זייער רב, האָבען איהם דערציילט, אז ווען א גרינער געהט עפּעס איינקויפען, דערקענט מען איהם, און מען מאָהנט איהם אלעמאָל צוויי מאָל אזוי פיעל ווי דער ריכטיגער פרייז איז. איינמאָל דערזעהט דער רב זעהר א ווערטפולען און נוצליכען בוך, אין א פענסטער פון א בוך געשעפט אויף קאנעל סטריט. פרעגט דער רב דעם פרייז פון בוך, זאָגט איהם דער „מוכר ספרים" 10 דאָלער. רופט זיך אָן דער רב, איך גיב אייך 5, פערשטעהט שוין דער קרעמער מיט וועמען ער האָט דאָ צו טהון, און זאָגט: גיט מיר 8 און געהט געזונטער־הייט! רופט זיך אָפּ דער רב: איך גיב אייך 4, זעהט דאָך שוין דער קרעמער אז דאָס איז א פויגעל! זאָגט ער צו איהם: סטייטש! איהר האָט דאָך ערשט אליין געזאָגט 5, טאָ גיט שוין די 5, אָן עק זאָל דאָס נעמען. אבער אז דער גרינער האָט דערהערט 5, זאָגט ער, איך גיב צוויי און א האלב. ווערט דער קרעמער שטארק צורייצט און שרייט אוים: וואָס פאר א מענש זייט איהר? און פון וואַנען קומט איהר? ענטפערט איהם דער גרינער, אז ער איז געווען א באוואוסטער רב אין יוראָפּ און די לאנדסלייט האָבען

איהם מיט גרויס כבוד געבראכט אהער. נו, אויב אזוי ? רופט זיך אן דער קרעמער, טאָ נעמט דעם ספר אָן געלט ! איך גיב עס אייך אלס מתנה . . . טאָ גיט זשע מיר נאָך איינעם פאַר מיין איידים ! האָט דער רב געזאָגט.

מיינע פריינדע ! אַט אזוינע גרינגע וואָס ווילען ספרים אומ־זיסט, זיינען דאָ פאראן זעהר א סך ר"ל. די צרה איז וואָס זיי זיינען שוין גאָר ניט קיין גרינגע ! זיי ווילען ניט פארשטעהן די ווערדע פון אידישע חכמה און ספרים.

דער תנא יהושע בן פרחיה זאָגט (משנה־ו פ"ק־א) עשה לך רב וקנה לך חבר — איז דאָך א קשיה ! ווי אזוי קען מען קויפען א חבר ? נאר דער ענטפער איז פשוט ! אז מען לערענט עפעס נוצליכע זאכען פון א ספר, איז דער ספר פונקט ווי א חבר . . . און ספּעשעלי אז עס איז דאָ א — בית ועד לחכמים — וואו מען קען דאַרטען האָבען ביידע זאכען, אי ספרים אלס חברים, אי לעבעדיגע תלמידי חכמים אלס חברים, דארף מען אזא אינסטי־טושאָן שטיצען !

באלד ווי איך בין געקומען אין ענגלאנד אין דער ערשטער וועלט מלחמה, האָב איך געוואָלט פערזוכען דעם טעם פון ענגלישען טהעע, רוף איך זיך אָן צום אידען וואָס איך בין ביי איהם געוועזען צו גאסט. אייער פרוי האָט מיר גאַרניט געפרעגט, אויב איך וויל א גלאָז טהעע ! זי האָט ניט קיין סענס ! (שכל), האָט מיר דער איד געענטפערט.

אין דעם בית „ועד לחכמים" פעהלט ניט ב"ה קיין סענס, סאי אין דעם מיינונג פון דער ענגלישער באדייטונג, און טאקע אין אידיש אויך.

המן'ס זון — דלפון — האָט געזאָגט העננט מיך ניט !
איך בין דאָך אן ארימאן, און בין דאָך אלץ איינס א טויטער !
און — ויזתא — האָט געזאָגט, אלע לאכען פון מיר, איז דאָך
מיין לעבען אלץ איינס גאַרניט ווערטה ! אבער אין א מלחמה
ווערט — דלפון — אן עושר און — ויזתא — א חכם, דער־
פאר מוז מען זיי העננען — האָט אחשורוש געזאָגט.

פרק ז, משנה א

שנו חכמים בלשון המשנה, ברוך שבחר בהם ובמשנתם, רש"י,

כלומר ברייתא היא ובלשון המשנה היא שנויה

דרשה טו — אן אפיעל צו שטיצען די העברייאישע שפראך

אט דער זעקסטער פרק איז צוזאמענגעשטעלט פון „ברייתות", ד"ה מען האט עס געלערענט אויסער'ן בית המדרש פון רבי'ן. איז דאך טאקע א קשיה ! טא פארוואס זשע פאנגט זיך דער פרק ניט אן מיט'ן לשון „תניא", אדער „תנו רבנן", אזוי ווי א — ברייתא ? אין אלגעמיין איז קשה ! ווען עס האנדעלט זיך פון לערנען חכמה און גוטע זיטען (מדות) איז דען דא אן אונטערשיעד אין וואס פאר א שפראך מען לערענט ? טא וואס זשע האבען די חז"ל אויפגעטהאן דערמיט וואס זיי האבען אויסגעביטען פון דעם לשון „תנו רבנן" אויף „שנו חכמים בלשון משנה" ?

נאר אט די הקדמה — שנו חכמים — לערענט אונז אז די — ברייתות — און די — גמ' — וואס מען האט געלערענט אין תרגום שפראך, זיינען פונקט אזוי וויכטיג ווי די משנה'ס, וואס מען האט געלערענט אין דער העברייאישער שפראך. דערווארט, ברייתא — מיינט: אין דרויסען. אויף דעם ווארט „חוץ" זאגט דער תרגום „מברא". די הויפטזאך איז די תורה און חכמה וואס

מען לערענט. דער אָרט וואו מען לערענט ? און די שפּראַך אין וועלכער די חכמה איז געשריבען איז ניט אזוי פון גרויס וויכטי־גקייט. אבער אָט די עטליכע ווערטער פון דער פאָררעדע פאר׳ן זעקסטען פרק זאָגען אונז אָן אז מען קען לערנען אלעס אויף דער משנה שפּראַך, וואָס רופט זיך — לשון הקודש, און עס איז אויך א פליכט צו לערנען אלעס אין דער תנ״ך שפּראַך, פארשפּרייטען די שפּראַך און אויפלעבען זי . . . א מענש דאַרף אויף קיין שום פאַל ניט אָפּהאלטען זיך פון לערנען וויסענשאפט און גוטע מדות, ווען עס איז געשריבען אין אנדערע שפּראַכען. ד״ה — מברא פון דרויסען ! מען דאַרף אבער זעהן מעהרער אנטוויקלען די שפּראַך פון וועלכער מיר טראָגען דעם נאָמען אלס א פאָלק — עברי !

א מענש דאַרף אין זיך האָבען 2 באַוואוסטע מדות. ווען עס קומט צום לערנען, דאַרף ער זיך האלטען אזוי פשוט . . . פונקט ווי ער אליין קען גאָרניט. ער דאַרף אויסהערען אלעמען און לער־נען פון אלעמען, אבער ווען עס האנדעלט זיך אין ארויסהעלפען א געפאלענעם מענשען ? דאן דאַרף שוין א מענש ניט זאָגען, סטייטש ! וואָס קען איך טהאָן פאר יענעם ? איך בין דאָך אליין א גאָרניט ! ניין ! דאן דאַרף ער זאָגען, איך קען ! אני !

אָט דער געדאנק איז איינגעוויקעלט אין דער (משנה־יד, פרק־א) אם אין אני ? ד״ה אויב איך האָב די 2 מדות ? די מדה פון — אין — און די מדה פון — אני — דאן איז — מי לי ? ווער קען זיך צו מיר גלייכען אין כאראקטער ? אבער אז איך האָב נאָר אין זיך די מדה פון — אני — ד״ה — וכשאני — אז בלויז דער — אני — אליין איז לעצמי ? דאן איז — מה אני ! דער וואָרט — מה איז אין ר״ת — מחצית האדם. ד״ה אז אז א מענש וואָס איז ביי זיך גרויס, און האָט בלויז די מדה פון — אני — איז א האלבער מענש !

אָט דעם געדאנק געפין איך דאָ אין די ווערטער פון — שנו

חכמים . . . ד"ה א איד דארף די ערשטע זאך זיין אזוי נייגעריג צו לערנען חכמה, אז ער זאָל לערנען אין אירגענד וועלכער שפראך, אבער דאָך זאָל א איד שטרעבען צו פארשפרייטען דעם לשון המשנה, די תנ"ך שפראך, די שפראך פון די עברים! (פונקט ווי א מענש דארף האָבען די 2 מדות פון — אין און — אני — אזוי איז אויך דאָ, צייטענווייז דארף ער מעהר שטרעבען צו דער חכמה און אמאָל מעהר צו לשון.) מיר זיינען צו ווייט אוועק פון אונזער שפראך, און דאָס האָט אָנגעמאכט אזא מיספארשטענדניס צווישען עלטערען און קינדער.

אונזער שמש האָט אמאָל געשיקט א באָיטשיק ער זאָל פרעגען זיין פאָטער אויב ער איז א כוהן? אדער א לוי? קומט דער באָיטשיק און רופט אוים: מיין טאטע איז א נאָטהינג! ר"ל אידען זאָלען שוין ניט וויסען וואָס מיינט א כוהן? אדער א לוי? דער איד וואָס קען ניט קיין העברייאיש, און ניט קיין אידיש, פעהלט איהם דער אידישער חן, דער אידישער טעם, די ראָז־שינקע!

א רב האָט אמאָל געהערט ווי אידען רעדען לשון הרע ר"ל, האָט ער געמאכט א ברכה — ברוך דיין האמת! פרעגען זיי איהם, רבי! ווער איז געשטאָרבען? רופט זיך אָן דער רב — קיינער ניט! נאר — על שמועות רעות — (שמועס) מאכט מען אָט די ברכה! דער איד וואָס קען העברייאיש און אידיש, פיהלט אין די ווערטלאך אזא טעם, פונקט אזוי ווי איינער האָט הנאה פון גראָבע, גשמיות׳דיגע תאות, און די ווערטלאך ציהען איהם צו ער זאָל זיך מעהרער אינטערעסירען מיט דער תורה. אין פשוט׳ע ווערטער: דער — לשון העברית — העלפט פיעל צו דערגרייכען חכמה.

אין א שטעדטעל . . . האָט מען מיך געבעטען איך זאָל פאר־הערען די אפליקאנטען וואָס מען דארף אויפנעמען אלס חזן, שוחט און גייסטיגער פיהרער. האָב איך געזאָגט אויף איינעם

פון די אפליקאַנטען אזא מיינונג. די תורה האָט ניט קיין שאַץ, אבער דאָ איז פארקערט ! (דער ש"צ האָט ניט קיין תורה). איך האָב בלויז געזאָגט, אז דאָ איז פונקט פארקערט, אבער דער עולם האָט פארשטאנען אָט דעם לשון . . . און קיינער איז ניט פאר־שעמט געוואָרען.

יעדער איד איז פארפליכטעט צו פראָפאגאנדירען אז מען זאָל פארשפרייטען די העברייאישע שפראך און אויפצייגען דער וועלט, וואָס פאר א טייערע אוצרות פון חכמה עס איז דאָ אין דער שפראך.

אום צו פערשטעהן דעם כח פון פראָפאגאנדע, וועל איך אייך דערציילען א משל. א מלמד האָט געפיהרט אויף'ן יריד זיין ציג צו פארקויפען. ער האָט צוגעבונדען די ציג, פארלעגט זיינע הענט אויף הינטער, און ווארט אויף א סוחר. עס קומט איינער, דער אנדערער, זיי פרעגען איהם, וויפיעל איז דער פרייז ? און געהען אוועק מיט גאָרניט. אזוי נעבאך שטעהט זיך דער מלמד, א הונגעריגער, און קען ניט פארקויפען זיין סחורה. באמערקט דאָס א איד וואָס פארשטעהט א געשעפט, און רופט זיך אָן צום מלמד, אז ער וועט איהם העלפען פארקויפען די ציג. ער נעמט די ציג, און פיהרט זי אוועק אויף אן אנדער אָרט אויף'ן מארק. און אזוי שנעל ווי א „קונה" איז צוגעקומען באטראכטען די ציג, הויבט אן דער פארקויפער דערצעהלען וואָס פאר א טייערע מציאה די ציג איז: זי גיט א סך מילך, און מילך אזוי ווי פוטער ! עס האָט לאנג ניט געדויערט, מען האָט זיך גראדע א ביסעל געדונגען וועגען פרייז, אבער ער האָט זי באלד פארקויפט. דער פארקויפער האָט אראָפגענומען פאר זיין ארבייט און די איבע־ריגע געלט געגעבען צום מלמד. קוקט דער מלמד אויף די עטליכע רובעל און קרעכצעט. ווען איך וואָלט געוואוסט וואָס פאר א טייערע ציג דאָס איז, וואָלט איך זי בעסער אליין געקויפט.

מיינע טייערע פריינדע ! שוין גענוג אייך צו באריהמען זיך

מיט די שפּראַכען פון אנדערע נאציאָנען ! אין מצרים האָט איהר געדינט צו דער עגיפּטישער קולטור (איך מיין צו דער ציג) עס איז געווען — הללו עוע"ז והללו עוע"ז — בצאת ישראל ממצרים: מתוך מעיהן של מצריים ! אין דעם יעצטיגען גלות זייט איהר אויך איינגעשלונגען געוואָרען אין די געדערים פון אנדערע נאַציאָנען, דער קול יעקב קלינגט אין אנדערע שפּראַכען, אייערע טאַלאַנטען באַרייכערען אנדערע קולטורען !

אמאָליגע יאָהרען, אז א איד האָט ניט געקענט האָטש א ביסעל העברייאיש, האָט מען געלאַכט פון איהם, גערופען איהם ישוב'ניק ! פּויער ! געשריבען אויף זיין חשבון וויצען ! למשל, א סוחר שרייבט צו זיין פאָטער, דעם ישוב'ניק, אז ער האָט געבראַכט זיינע אָקסען אין ווארשא, אָבער עס איז — אין קונה — ענטפערט איהם דער ישוב'ניק, פּארקויף צו אָט דעם (1) איין קונה און ווער פטור ! דער ישוב'ניק וויים ניט אז — אין — מיינט עס איז ניטאָ.

היינטיגע מאָדערנע (ישוב'ניקעס) שטאָלצירען גאָר דער־מיט וואָס זיי קענען ניט די אידישע שפּראַך. ווייסט איהר ווער איז שולדיג אין דעם ? שולדיג זיינען די מלמדים, זיי בינדען צו די ציג און אליין פערלעגען זיי די הענט אויף הינטער.

מלמדים ! פּראָפּאַגאנדע, מלמדים ! מען דאַרף דערצעהלען דער וועלט אז דבש וחלב תחת לשונך — (שה"ש) מיינט פשוט: אז אין דעם לשון עברית — ליגט האָניג און מילך ! האָניג איז דער סימבאָל פון אויפגעקליבענע חכמות, פונקט אזוי ווי די בין קלייבט בלומען . . . און מילך, דאָס איז א געטראַנק, וואָס ניט קרעפּטען. דער איד וואָס קען די העברייאישע שפּראַך האָט דאָך א בעסערע געלעגענהייט צו לערנען די תורה שבכתב און די תשבע"פ. אָט דאָס מיינט: אז אויב שנו חכמים בלשון . . . איז — המשנה.

דרשה טז — די תורה מאכט ליכטיג א פינסטערען מח

כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה

איז דאָך א קשיה! וויבאלד אז דער תנא זאָגט דאָ אויס דעם שכר פון „תורה לשמה", טאָ ווי אזוי קען מען שוין יעצט לערנען לשמה? אז דער וואָס לערענט לשמה, ווייסט דאָך שוין דעם גרויסען שכר פון אזא סאָרט לערנען! קען זיך דאָך ביי איהם פארבאהאלטען א געדאנק, פון יענעם חתן . . . וואָס אז דער פאָטער פון דער כלה זאָגט צו איהם, איך האָב 5 טעכטער, אויב איהר וועט נעמען די אינגסטע, וועל איך געבען 5 טויזענד דאָלער נדן, אויב די צווייטע, צען. אויב די דריטע, 15. אויב די פערטע, 20 טויזענד, און אויב די סאמע עלטסטע, 25 טויזענד. רופט זיך אָן דער חתן, מחותן! פיעלייכט האָט איהר נאָך אן עלטערע? אפשר א זעקסטע? אדער אפילו א זיבעטע? דער חתן האָט געמיינט די געלט, ניט די כלה! קען דאָך זיין, אז די וואָס לערנען תורה לשמה, זאָלען דערשמעקען די גרויסע מאַטניא . . . און זאָלען קוועטשען די באנק צוליב דעם שכר . . .

נאָר דער וואָרט — זוכה — מיינט: לייטערן, ד"ה אז דער וואָס לערענט — תורה לשמה — ווערט מיט דער צייט לויטער און ריין פון די פוסטע פאלשקייטען.

אָט טאקע דערפאר האָט רבי מאיר געזאָגט (סנ'-נט) מנין שאפילו עכו"ם ועוסק בתורה שהוא ככהן גדול ת"ל (ויקרא-יח) אשר יעשה אותם האדם וחי בהן, כהנים, לוים וישראלים לא נאמר אלא האדם, רש"י דלית ליה אתם קרוין אדם ואין עכו"ם קרוין אדם (יבמות-סא).

רבי מאיר האָט געהאלטען אז דער כח פון תורה קען אפילו פון א געצענדינער מאכען דעם שעהנסטען און ריינסטען מענשען. דער עלעקטרישער שטראָם ליכט פון דער תורה, קען מאכען

ליכטיג אפילו דעם פינסטערען מח פון א געצענדינער. דערפאר האָט מען דאָך איהם גערופען רבי מאיר, ווייל ער האָט באַגרייפט די ליכטיגקייט! (ער האָט דאָך געשריבען — כתנות אור מיט אַן אלף) (בראשית-ג)

היינטיגע צייטען איז זעהר שווער צו געפינען א מענשען, וואָס זאָל לערנען „תורה לשמה". מען האָט מיר אמאָל איין א שוהל אָנגעציינגט אויף א אידען, און געזאָגט אויף איהם, אז ער האָט שוין „ממלא כריסו" געווען מיט — ש"ס ופוסקים, און יעצט איז ער זיך עוסק אין קבלה. האָב איך גערעדט מיט דעם אידען און ניט געקאָנט פערשטעהן וואו איז דאָ אין איהם דער — ש"ס ופוסקים? אבער ער אליין האָט עס מיר אויפגעקלערט. ער האָט געהאט א ירושה, אש"ם מיט אלע פוסקים, נאר אזוי ווי ער איז געוועזען נויטבאדערפטיג ר"ל, האָט ער עס פארקויפט און אויפ-געגעסען. דאָס מיינט: ער האָט אָנגעפיהלט זיין בויך מיט'ן — ש"ס ופוסקים — אבער יעצט איז ער באשעפטיגט מיט — קבלה, ד"ה ער נעמט נדבות. (א איד האָט אמאָל דערצעהלט אז ער האָט געמאכט שבת מיט אלע מפרשים... ער האָט נעבאך גערארפט פאַרקויפען א חומש מיט אלע מפרשים צו קענען מאכען שבת.)

אבער וואו איז דאָ תורה לשמה? אין פשוט'ע ווערטער! אויב איינער וויל זאָגען אז ער לערנט תורה לשמה? לייקענט איהם דער תנא רבי מאיר אָפּ, ווייל רבי מאיר גיט דאָך אָן דאָ אין דער משנה דעם שכר וואָס מען דארף באַקומען פאר אזא לערנען, און דערווייל האָט נאָך אזא שכר קיינער ניט געהאט (אין אונזערע צייטען). רבי מאיר האָט געוואוסט וואָס פאר א גרויסע קראַפט די תורה האָט אין זיך! אז ווען נירון קיסר האָט געהערט פון א קינד, דעם פסוק פון (יחזקאל-כה) ונתתי נקמתי באדום — איז ער אנטלאָפען און האָט זיך מגיר געווען און פון איהם איז דאָך רבי מאיר ארויסגעקומען (גיטין-נו).

מיר לערנען אין א משנה (ברכות-מד) השותה מים לצמאו

מברך שנ"ב, רבי טרפון אומר בנ"ר וחסרונן — קען מען זאָגען אז אויסער דעם געוועהנליכען פשט פון דער משנה, ליגט דאָ פארבאהאלטען אָט דער גדאנק: די תורה איז געגליכען צו וואסער (תענית-ז). אָט דאָס זאָגט די משנה — השותה מים לצמאו — ד"ה אז איינער לערענט די תורה מיט אזא לוסט, פונקט ווי א דאָרשטיגער מענש טרינקט וואסער, איז אלעס וואָס אָט דער מענש זאָגט, ווערט ערפילט — שהכל נהיה בדברו — רבי טרפון זאָגט אז אזא לערנער קען „מחיה מתים" זיין, ער קען בענטשען מענשען מיט גוטע קינדער, און מיט אלעס וואָס זיי דארפען, ווייל זיין ברכה איז: בורא נפשות רבות וחסרונן . . .

דערפאר זאָג איך צו אייך, מיינע טייערע פריינדע ! די הויפּט זאַך איז לערנען תורה מיט גרויס לוסט און אימפּעט, אפילו ווען עס איז ניט אינגאנצען אמת'ער — לשמה — לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אע"פ שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פס'-נ).

איך אליין לערען אויך פיעלייכט ניט אינגאנצען „תורה לשמה", אבער איהר זייט א ביסעל שולדיג, ווייל איהר לערענט די (משנה-ד) פת במלח תאכל . . . ניט מיט'ן ריכטיגען ניגון, ד"ה איהר לערענט דעם פשט אז ת"ח דארפען ליידען „דחקות", אבער אין דער אמת'ן דארף מען לערנען די משנה מיט א ניגון פון א פראגע ? ד"ה איז דאָס דען דער וועג פון תורה ? צו ליידען חו"ש נויט, און עסען בלויז ברויט מיט זאלץ ? ניין ! דאָס איז ניט דער ריכטיגער וועג ! שטיצט די תורה ! קויפט מיינע ספרים און לאָזט מיך לערנען מעהרער מיט אן אמת ! ווייל דער תנא זאָגט דאָך — מים במשורה תשתה ! דאָס מיינט: אז מען זאָל טרינקען די תורה לאנגזאם, מיט געדאנק, ניט ווי איך דארף לויפענדיג לערנען, און מיין תורה האָט אזא טעם ווי א געקעכץ אָן זאלץ, העלפט מיר ! אז איך זאָל קענען שרייבען ספרים מיט מעהר טעם, עס זאָל זיין אזוי ווי פת במלח . . .

צייטענווייז בין איך אזוי ווי יענער פראָפעסאָר. ער האָט גערעדט אזוי שנעל . . . אז מען האָט ניט פארשטאנען וואָס ער רעדט. רופט זיך אָן א קלוגער צוהערער, פראָפעסאָר! פארוואָס עסט איהר ניט אָפּ פאר אייער לעקטשור? פון וואנען ווייסט איהר אז איך האָב ניט געגעסען? האָט דער פראָפעסאָר געפרעגט. ווייל איהר שלינגט די ווערטער, האָט דער חכם געזאָגט.

משנה ט — וכן כתוב בספר תהלים על ידי דוד מלך ישראל טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף.

דרשה יז — א הספד נאָך א רב . . .
געזאָגט צווישען גרויסע לומדים

רבי יוסי בן קסמא זאָגט אז ווען מען גיט איהם די גאנצע זילבער און גאָלד און אלע ווערטהפולסטע שטיינער און פערל פון דער וועלט ער זאָל זיך אריסציהען פון אשטאָדט וואָס רופט זיך א „מקום תורה”, וועט ער דאָס ניט טהאָן . . . איז דאָך א קשיה, סטייטש! מיט געלט קען מען דאָך טהאָן זעהר פיעל צדקה! און ווען רבי חנינא בן תרדיון איז איהם געקומען „מבקר חולה” זיין, האָט דאָך דאן ריב"ק זיך געוואונשען צו האָבען א חלק אין אזא מצוה ווי צדקה וואָס רחב"ת האָט געטהאָן, אבער פון דער תורה וואָס רחב"ת לערענט ברבים און איז זיך מפקיר אויף דער תורה, אָט פון דעם האָט ריב"ק זיך ניט אזוי באַגייסטערט, אמר לו חנינא אחי! אי אתה יודע שאומה זו מן השמים המליכוה שהחריבה את ביתו . . . והרגה את חסידיו . . . ואני שמעתי עליך שאתה יושב ועוסק בתורה . . . תמה אני אם לא ישרפו אותך ואת ספר תורה באש . . . אבער אז רחב"ת האָט איהם געזאָגט אז ער האָט דורך א טעות צוטהיילט זיין פורים

געלט אויף צדקה, און ער האָט עס נאָכדעם ניט אראָפּגענומען פון די צדקה געלט, האָט ער געזאָגט — אם כן מחלקך יהי חלקי . . (ע"ז-י"ח). קומט דאָך אויס אז ריב"ק האלט אז צדקה איז וויכטיגער פון לערנען תורה. טאָ פאַרוואָס זשע זאָגט ער דאָ אז פאר קיין שום געלט אין דער וועלט וועט ער ניט וואוינען נאָר בלויז אין א „מקום תורה". סטייטש ! מיט געלט קען מען דאָך טהאָן צדקה !

אום צו ענטפערען אויף אָט דער קשיה, וויל איך אייך דער־צעהלען א משל. איך האָב אמאָל געפרעגט א אידען וואָס ער טהוט ? האָט ער מיר געענטפערט, אז ער איז מקים דעם פסוק — ויתהלכו מגוי אל גוי — ד"ה ער גיט אָפּ לעססאָנס, און ער געהט פון איין תלמיד צום צווייטען, ד"ה פון איין גוי צום צווייטען.

ריב"ק האָט דעם פסוק ניט געוואָלט מקיים זיין, ער האָט געוואָלט לערנען מיט אזוינע תלמידים וואָס ווילען לערנען, און זיינען ניט קיין גוים. ניט אלע רבנים און דרשנים קענען זיך צו־פּאסען צו אזוינע קאָנגרעגיישאָנס, וואָס דער סיסטעם איז דאָרט ניט נאָך די אידישע טראַדיציעס און מנהגים. עס איז טאקע אמת, אז מיט געלט קען מען טהאָן זעהר פיעל צדקה, אבער ברעכען די אידישע טראַדיציעס טאָר מען ניט, נאָר סיידען אין דעם פאַל פון „פּקוח נפש", דאן מעג מען יע. ריב"ק האָט דעריבער געזאָגט צו רחב"ת אז ער זאָל זעהן ראַטעווען זיין לעבען ! אבער צו געהן אין א קאָנגרעגיישאָן, וואָס די תורה איז דאָרטען ניט די הויפּט זאך, נאר די געלט ! איז דאָרטען די הויפּט זאך ! האָט ריב"ק ניט געוואָלט געהן. פון די ווערטער וואָס יענער מענש האָט איהם געזאָגט — ואני אתן לך אלף אלפים — ד"ה אז ער אליין וועט געבען אזוי פיעל גאָלד, ער דארף גאָרניט אָנפרעגען ביי קהל, האָט ריב"ק פארשטאנען אז דאָס מיינט אזא רבנות, וואו מען דאַרף בלויז חנפ'ענען דעם גביר, וואָס מען דארף בלויז הערען,

שווייגען און ליידען — ומשמע, ודומה, ומשא. דער רבאי דאַרף זיין אזוי ווי די בני ישמעאל (חיי שרה).

פילע יונגע רבנים דענקען אז זיי זיינען די גייסטיגע פיהרער פון זייערע קאָנגרעגיישאָנס אין פולען זין פון וואָרט, ווייל זיי זאָגען וואָס זיי ווילען. אבער דער רבאי וואָס זאָגט וואָס ער וויל, איז דאָס נאָר ווייל זיין קאָנ״ג איז אזוי ווי יענע כלה.

א שדכן האָט געבראכט אחתן אָנקוקען א כלה. דערזעהט דער חתן אז די כלה האָט קאָסאָקע אויגען, און א סטולעוואַטע פלייצע. בויגט ער זיך אָן צום שדכן און שושקעט איהם אריין אין אויער, גזלן! וואו האָט איהר מיך געפיהרט? זי האָט דאָך א הויקער, און קאָסאָקע אויגען! דו קאָנסט רעדען העכער! רופט זיך אָן דער שדכן, זי איז טויב ווי די וואַנט! אָט אזוי זיינען יענע קאָנ״ג, וואו דער רבאי טרויבערט מיט הויכע ספיטשעס וועגען שמירת שבת, וועגען כשרות, וועגען אמת׳ער צדקה! ער מעג דאַרטען רייסען זיך אויף די ציין ר״ל, זיי זיינען טויב ווי די וואַנט! ער רעדט און זיי טהוען אלץ איינס וואָס זיי ווילען.

איך באַנוץ אזא שפּראך ווי רייסען זיך אויף די ציין,, ווייל א איד האָט אמאָל זעהר געוויינט און געריסען זיך די האָר אויף דעם חורבן בית המקדש, רופט זיך אָן צו איהם דער רב, מיסטער, פארוואָס רייסט איהר זיך מעהרער פון אלעמען? ווייל איך בין א כהן און דאָ אין גלות גיט מען מיר נים די פלייש פון די קרבנות צום עסען. צייטענווייז עס איך בלויז ביינער און קען זיי נים צוקייען מיט מיינע ציין, האָט דער איד געזאָגט. טאָ אויב אזוי? רייסט זיך נים אויף׳ן בית המקדש! נאָר רייסט זיך אויף די ציין! האָט דער רב צו איהם געזאָגט.

מיינע פריינדע! ווען עס שטארבט א קייסער פון א לאַנד, ערשט דאן קען מען וויסען, אויב די מענשען פון לאַנד האָבען איהם ליעב געהאט מיט אן אמת, אָן קיין שום פאלשקייטען?

אדער עס איז נאָר געווען א ליבע אוים מורא ? אויב אלע וויינען אויף זיין טויט, נאָך איידער די רעדנער זאָגען אויף איהם דעם הספד, דאן איז א סימן, אז די מענשען האָבען איהם ליעב געהאט מיט אן אמת ! אויב אבער מען האָט איהם ניט ליעב געהאט מיט אן אמת ? דאן פאנגט מען ערשט אָן וויינען, ווען די רעדנער מאכען באגייסטערט און ריהרען צו טרערען . . . אבער אָט דאָ, מיינע פריינדע, ווען אונזער קייסער (מלך) איז געשטאָרבען, דאָס הייסט: אונזער רב איז טויט, וויינען מיר דאָך אלע אזוי פיעל, אונזערע הערצער זיינען צובראָכען, אונזערע געמיטהער זיינען צוריסען, ווייל מיר האָבען פארלאָרען אן אמ׳תן גוטען און געטרייען מלך !

אין אזא צייט ווי אונזערע, וואָס די וועלט איז געוואָרען זעהר געלט גייציג, און יעדער מענש וויל נאָר ערדרייכען זיינע אייגענע פאַרגעניגענס — השמן לב העם הזה ואזניו הכבד — (ישעיה-ו) פארוואָס זאָגט ישעיה — השמן לב העם ? ביי א הארץ פאסט זיך דאָך בעסער דער אויסדרוק — הכבד לב — אזוי ווי ביי פרעה׳ן זאָגט די תורה — הכבדתי את לבו — נאָר דער וואָרט „השמן" מיינט: אז די פאָלק שטרעבט נאָר צו זייערע אייגענע פארגעניגענס, צוליעב׳ן געניסען די פעטקייט פון לאנד, בלויז צו דעם אליין שטרעבט זייער הארץ, בלויז צוליעב׳ן — השמן — איז דער — לב העם ! אָט אין אזא צייט, ווען די וועלט פארלירט א מענשען וואָס האָט זיך געאָפּפערט פאר׳ן פאָלק, איז דער פארלוסט פון אזא מענשען שרעקליך ! אז איהר ווילט וויסען, מיינע פריינדע, וואָס פאר א מענש אונזער רב איז געווען? דארפט איהר איהם בלויז פארגלייכען מיט ריב״ק. פונקט ווי ריב״ק האָט ניט געוואָלט אָננעמען די רבנות שטעלע, וואָס עס האָט איהם געקענט מאכען פאר א גרויסען מיליאָנער, אָט אזוי האָט אונזער רב קיינמאָל ניט געקוקט אויף קיין שום געלט די תורה, דאָס איז געווען זיין גאנצער אידעאל ! אויף אונזער רב דארפען מיר זאָגען די זעלבע ווערטער וואָס די גמ׳ זאָגט (מ״ק-

כה) כי נח נפשיה דרבה בר רב הונא . . . פתח עליה ההוא ינוקא, גזע ישישים עלה מבבל ועמו ספר מלחמות קאת וקפוד הוכפלו לראות בשוד ושבר . . . רוכב ערבות שש ושמח בבוא אליו נפש נקי וצדיק.

וואָס האָט דער ספדן געמיינט מיט די ווערטער — ועמו ספר מלחמות ? ווען די גרויסע העלדען שלאָגען זיך אויפ'ן ים, און דער שונא האָט אזוי לאנג געשאָסען אין דעם מעכטיגען, שטאָלענעם ריעז, וואָס מען האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט אז דער שונא זאָל קענען אזוי גרויזאם שלאָגען ? אבער עס האָט פאסירט דאָס אונערווארטעטע, און די שיף איז געזונקען געוואָרען. איז אויב אבער די העלד'ען פון דער שיף האָבען זיך געראַטעוועט, דאן איז נאָך דאָ א טרייסט. טרויעריג איז אבער דאָ, אז דער העלד פון דער תורה איז טויט, און ער נעמט אוועק מיט זיך זיין תורה, ד"ה, דעם ספר וואָס קעמפפט אזוי פיעל יאָהרען געגען די מעכ־טיגע טיראנען, די אונמאָראלישע היטלערם. דאָס מיינט — ועמו ספר מלחמות !

דער גרויסער מלחמה העלד, דוד המלך האָט געזאָגט, אז די תורה איז דער בעסטער (כלי זין) שוץ — טוב לי תורת פיך . . . מיר דאָ אויף דער וועלט טרויערען אויף אונזער טייערען ת"ח מיט'ן ספר מלחמות, אבער דער רבש"ע איז — שש ושמח — וואָס די נשמה איז געקומען צוריק אין הימעל פונקט אזוי ריין, ווי ווען זי איז אראָפּ, און ניט נאר ריין, נאר נאָך מיטגעבראכט „מעשים טובים". אָט דערפאר זאָגט דער ספדן דאָפּעלטע ווער־טער: „שש ושמח" און „נקי וצדיק".

די וועלט פרעגט א קשיה ! אויף דעם פסוק (קהלת־ג) עת ספוד ועת רקוד — וואָס האָט דאָ דער חכם קהלת אויפגעטהאָן? נו, און אָן איהם ווייסען מיר דען ניט ? אז דער וואָס קלאָגט אויף א חתונה, אדער וואָס וואָלט טאנצען אויף א לויה, וואָלט מען

איהם האלטען פאר א משוגענעם, טא וואס האט קהלת אונז דא געלערענט מיט'ן — עת ספוד ועת רקוד ?

נאר דעם ענטפער האבען מיר יעצט. ווען אונזער רב איז נפטר געווארען, איז מיר דא אויף דער וועלט וויינען און קלאגען, אבער אין הימעל פרעהט מען זיך ! עס איז ששון ושמחה. „ששון אויף דעם — נפש נקי — און „שמחה" אויף דעם וואס ער האט נאך מיטגעבראכט מע"ט, ד"ה ער איזביידע זאכען — נקי וצדיק — קומט דאך אוים אז עס איז דא ביידע זאכען צוזאמען אין איין צייט — עת ספוד ועת רקוד !

די גמ' זאגט (עירובין-נד) די וועלט איז געגליכען צו א חתונה — דעלמא דאזלינן מיניה לבי הלולא דמי. די וועלט פרעגט א רעטעניש, ווען איז דער מאן צופרידען, און די פרוי ניט? ווען איז די פרוי צופרידען און דער מאן ניט? ווען זיינען ביידע ניט צו־פרידען? און ווען זיינען ביידע צופרידען? ווען דער מאן זיצט אין סוכה, איז דער מאן צופרידען, אבער די פרוי איז ניט צו־פרידען, ווייל זי דארף דאך נעבאך טראגען דעם עסען אין סוכה און מוז נאך אכטונג געבען אז זי זאל ניט פארשעהמט ווערען געגען די אנדערע פרויען. ווען די פרוי ליגט אין קימפעט, דאן איז זי צופרידען. זי איז דאן די פריצטע אבער דער מאן איז ניט צופרידען. אויף א חתונה פון אן אייגענעם קינד, זיינען ביידע פארהאוועט און זיינען ניט צופרידען. אבער ווען מאן און ווייב געהען צו א פרעמדער חתונה, דאן זיינען זיי ביידע צופרידען.

מיינע פריינדע ! די ת"ח זיינען אלעמאל צופרידען, ווייל זיי באטראכטען די וועלט ווי א פרעמדע חתונה. וואויל איז דעם מענשען וואס פערשטעהט דאס !

מען האט אמאל אויף א שמחה געוואלט אפגעבען זעהר פיעל כבוד צו א רב, אבער דער רב האט זיך אפגעזאגט פון כיבודים, פרעגט מען איהם, סטייטש ! — כל מה שיאמר לך בעה"ב עשה חוץ מצא (פס"פו). רופט זיך אפ דער רב, מען דארף קיין כבוד ניט אננעמען, ווייל — הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם — דאס מיינט, חוץ מצא !

דרשה יח — אן אפיעל פאר תקיעות

(און נאך עטליכע גוטע ווערטער אויף משנה־ז, פ״ק־ה)

טייטשט אפ אין פראסט אידיש, די ווערטער פון דעם תנא — ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי — דאס וואס ער האט ניט געהערט! האב איך ניט געהערט. שטימט דאך דאס ניט! ער האט דאך געדארפט זאגן — ועל מה שלא שמע אומר לא שמע — אדער ער האט גענדארפט אנפאנגען מיט — ועל מה שלא שמעתי — דאן וואלט זיך געפאסט בעסער דער — אומר לא שמעתי —

נאר דער ענטפער איז, אז א חכם בעט ביי דעם רבש״ע אויף געזונט און פרנסה, און דער רבש״ע הערט איהם ניט? זאגט דער חכם אז — ועל מה שלא שמע! ד״ה דאס וואס גאט הערט מיך ניט! איז דאס ווייל — לא שמעתי! ווייל איך האב מסתמא ניט געהערט, ווען מען האט מיך געבעטען אז איך זאל געבען צדקה! אבער דער גולם זאגט ניט אזוי, דער גולם איז ניט אימשטאנד צו פערשטעהן די אורזאכע, פארוואס איז ער עפעס ערגער פון אלעמען?

ער איז אזוי ווי יענער פויער, אז מען האט מיט איהם גע־שיקט אן „אתרוג״, האט מען איהם אנגעזאגט אז ער זאל זעהן היטען דעם פיטום, האט ער אפגעשניטען דעם פיטום און איהם פארבאהאלטען אין קעשענע. אט אזוי באהאלטען די גולם׳ס די געלט אין זייערע קעשענעס . . .

אן ארימאן איז געקומען צו זיינעם א רייכען ברודער בעטען עפעס שטיצע. דער גביר האט איהם געגעבען די שטיצע, אבער פון דאן אן האט ער מעהר קיינמאל ניט נאכגעפרעגט זיך אויפ׳ן ארימען ברודער, און די פריהערדיגע ברידערליכע ליבע איז געווארען אינגאנצען אפגעקיהלט. אז דער ארימאן האט דאס

דערציילט דעם רב, און איהם געבעטען אז ער זאָל דאָס איהם אויפקלערען פארוואָס זיין ברודער האָט זיך אָפגעקערט פון איהם? האָט דער רב צו איהם געזאָגט, אז מיט אסתר׳ן איז אויך אזוי געווען. זי האָט געהאט זעהר פיעל „חן״ ביי אלעמען, אבער איהר ווייסט פארוואָס? ווייל זי האָט גאָרניט געבעטען (מג׳ אסתר־ב) לא בקשה דבר . . . ותהי אסתר נשאת חן בעיני כל ראיה —

מיינע פריינדע! דער רבש״ע באצאָהלט אונז — מדה כנגד מדה — אויב דער ארימאן וואָס בעט פארלירט ניט ביי אונז דעם חן, דאן האָבען מיר אויך חן אין די אויגען פון גאָט און לייט. יעצט, אין די פאָרכטיגע טעג, ווען מיר בלאָזען שופר און מיר רופען צו דעם אמת׳ן מלך פאר הילפע, ער זאָל אונז געבען א יאָהר פון געזונט און פרנסה, דארפען מיר אויסהערען דעם אפיעל פאר צדקה מיט „חן״, וועלען מיר דערפאר האָבען „חן״ ביי דעם גרעסטען מלך פון דער גאנצער וועלט.

מיינע פריינדע! מיר דארפען זיך יעצט לערנען ווי אזוי צו בעטען ביי דעם רבש״ע פון אונזער חזן. דער חזן האָט עטליכע מאָנאטען פריהער זיך צוגעגרייט און איינגעשטודירט ווי אזוי צו קענען יעצט געפינען „חן״ אין אונזערע אויגען מיט זיין דאווי־נען, ווייל אויב אז ער וועט אונז געפעלען, וועלען מיר איהם געבען א קאָנטראקט אויף נאָך א יאָהר. אָט אזוי דארפען מיר זעהן געבען צדקה! און דורך דעם געפינען „חן״ ביי דעם רבש״ע ער זאָל אינז געבען א קאָנטראקט אויף א גוט יאָהר לעבען. מיר זיינען דאָך נאָך פיעל מעהר פאראינטערעסירט אין דעם קאָנט־ראקט ווי אונזער חזן, ווייל דער חזן, אויב ער קריגט ח״ו ניט קיין קאָנטראקט אין אונזער שוהל, וועט ער דאָך גאנץ געוויס קריגען אן אנדער שוהל, אבער אויב מיר קריגען ח״ו ניט קיין קאָנטראקט ביי דעם רבש״ע, טאָ וואו קענען מיר דאָס קריגען? זעהט זשע, טייערע ברידער, גיט צדקה! און קריגט א קאָנט־ראקט מיט א גרויסע „הוספה״ פון „בני חיי־ומזונא״. אָט פונקט

ווי דער חזן וויל אז מען זאָל צו איהם זיך צוהערען, אָט אזוי דארפען מיר זיך צוהערען צו דעם אפיעל פאר די ארימע יתומים׳לאך, וואָס קרעכצען נעבאך אזוי ווי דער שופר — לשמוע קול שופר ! וקול יתומים !

איך וויל אייך בעטען, מיינע טייערע, איהר זאָלט זיך באלד אָפרופען און ניט ווארטען אויף יו״כ.

אן אייגענטהימער פון א גרויסען געשעפט האָט געהייסען אויפהענגען פלאקאטען מיט די ווערטער: דאָס וואָס איהר דארפט טהאָן ! לייגט ניט אָפּ אויף אן אנדער טאָג ! נאָך איידער די טינט האָט זיך אָפּגעטריקענט אויף די פלאקאטען, איז דער מענעדזשער אנטלאָפען מיט 40 טויזענדער . . . און די ארבייטער זיינען ארוים אין סטרייק פאר מעהר געהאלט. מיינע פריינדע ! איהר ווילט דאָך אלע דעם יאָהר מעהר געזונט און מעהר פרנסה, טאָ לעגט ניט אָפּ און רופט באלד אוים אייער דאָניישאָן ! ווייל די מלאכים לויפען אוועק — ומלאכים יחפזון —

א רייכער מאן איז געפאָהרען אין א ווייטען וועג, פרעגט ער דעם דרייווער, ווי ווייט איז נאָך צו א שטאָדט? אָט באלד, אזוי שנעל ווי מיר וועלען דערזעהן א סעמעטערי, דאָס איז א סימן, אז עס איז שוין די שטאָדט נאָהענט. מיינע פריינדע ! דער גאנצער לעבען פון א מענשען איז א חלום, א טומעל פון הו הא ! א מענש פארגעסט זיך אז דער חלום איז ר״ל א קורצער, אז די סעמעטערי איז נאָהענט ר״ל ! און נאָר דורך צדקה קען מען אויסבעטען ביי גאָט לאנגע געזונטע יאָהרען.

עם האָט אמאָל געטראָפען אז א גרויסער מוזיקער איז דורך א בלבול ארייגעזעצט געוואָרען אין פריזאָן. איינמאָל האָט מען אָנגעזאָגט די ארעסטאנטען אז דער קעניג פאָהרט ארום איבער׳ן לאנד, און ער וועט זיך אָפּשטעלען ביי דעם פריזאָן צו זעהן, אויב עמיצער האָט עפּעס צו בעטען פון׳ם קעניג? זאָל ער דאָס אָנ-

שרייבען און געבען צו איהם. דער מוזיקער האָט אָנגעשריבען א „בקשה״ און ערקלערט אז ער זיצט אומשולדיגערהייט. אבער איידער דער קעניג איז אריין אין פריזאָן הויף, האָבען די קאפעל מייסטער געגומען שפילען. האָט זיך דער מוזיקער פארטיפט אין דער מוזיק און פארגעסען איבערגעבען זיין בקשה.

טייערע אידען! פארגעסט ניט צו אריינברענגען נאָך ר״ה אייערע פלעדזשעס! ווייל דאָס געלט וואָס איהר גיט פאר די יתומים׳לאך, דאָס וועט אייך ראטעווען!

די קולות פון דעם שופר זיינען צוטהיילט אויף 2 פונקטען, דער „שברים תרועה״ איז צו דערמאָנען אונז אז מיר זאָלען רחמנות האָבען אויף קראנקע, אויף אָרימע, וואָס קרעכצען פונקט ווי דער קול פון „שברים תרועה״, און די גלייכע תקיעות, דאָס איז צו דערמאָנען אונז אז דער רבש״ע איז געקרוינט געוואָרען היינט אלס דער גרעסטער — מלך! פון דער וועלט.

— הללוהו בתוף ומחול — וועלען מיר טייטשען דעם וואָרט „תוף״ אזוי ווי „סוף״, ד״ה דערפאר וואָס מיר לויבען שוין דעם רבש״ע פון אלול אָן, פון סוף יאָהר, (דורכ׳ן שופר), איז דערפאר — ומחול! דארף ער אונז מוחל זיין אויף אונזערע זינד, ווייל — למוחל עונות בדין — איז דער טייטש: דער דין איז אז ער מוז מוחל זיין. אויב דער בעל תקיעה איז א גוטער מענש, איז ער דאָך אן — אדם גדול — איז אויב אפילו די קולות פונ׳ם שופר קומען ארוים שוואכע, דאָך ציטערען די מלאכים אין אלע הימלען פאר די קולות פון אן — אדם גדול — ווייל מיר זאָגען דאָך „ובשופר — **גדול** — יתקע ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון״, און אויב דער רבש״ע וועט זיך באגעהן מיט „חסד״, מיט „רחמים״, דאן וועט ער קענען זיצען רוהיג אויף זיין קעניגליכען טראָהן. דאָס מיינען די ווערטער — ויכון בחסד כסאך — איז — ותשב עליו באמת! (דער וואָרט „חסד״ ווערט אויך געטייטשט: שאנדע, (חסד הוא — קדושים).

זעהט זשע, מיינע פריינדע! גיט ניט די אָרימע לייט אייער דאָניישאָן מיט שאנדע! וועט אייך דער רבש"ע אויך ניט פאר־שעהמען היינטיגען יאָהר. עס וועט ניט זיין „מכלכל חיים בחסד" חו"ש מיט שאנדע, נאָר עס וועט זיין „בחן ובחסד".

איך, אלעם רב, גיב דעם ערשטען פלעדזש, כדי מען זאָל ניט זאָגען אז מיר זיינען רב־נעם — און חז־נעם, ד"ה מיר זיינען בלויז נעמערס! און ניט קיין געבערס!

אויף די פראגעס פון — מה מלאכתך? ומאין תבוא? ואי מזה תבוא? האָט יונה הנביא געענטפערט — עברי אנכי! אזוי זאָג איך אויך. איך בין א איד און צו וואָס פאר א פרנסה א איד נעמט זיך אין גלות, קען מען איהם ניט קריטיקירען. מען דארף פארשטעהן, עס איז די אומשטענדען! וואָס טרייבען א מענשען צו געוויסע פרנסות!

אזוי ווי היינט איז דער — יום המשפט! טאָ טייטשט אָפּ גוט דעם פסוק „לא תעשו עול במשפט", דאָס מיינט: לייגט ניט אריין די טומאה אין דער יראה אריין!" טהוט ניט אריין קיין עולה אין דעם משפט.

א ישוב׳ניק האָט אַמאָל געהערט ווינטער נאָך האַלבער נאכט, ווי אן אלטער איד וואָס איז ביי איהם געשלאָפען, וויינט נעבאך, געהט ער אראָפּ פון זיין ווארימער בעט, און זעהט ווי דער איד זאָגט עפּעס און וויינט. וואס טהוט־אייך וועה? פרעגט איהם דער ישוב׳ניק. גאָרניט! זאָגט דער איד. נאר איך פראווע „חצות" און וויין אויף׳ן חורבן ביהמ"ק. איך וויל אויך פראווען „חצות", רופט זיך אָפּ דער ישוב׳ניק, נאָר עס איז קאלט, לאָמיר נעמען א ביסעל בראנפען. זיי האָבען זיך ביידע אָנגעטרונקען און געגומען טאנצען. זיינען זיך אלע צוזאמען געלאָפען און פרעגען, וואָס איז דאָ פאר א שמחה? דאָס איז חצות! האָט דער ישוב׳ניק געענטפערט. רבותי! פראוועט יעצט ניט קיין חצות!

דרשה יט — די טיפע חכמה פון אגדתא

רחב"ע אומר רצה הקב"ה לזכות
את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות . . .

אייגענטליך איז דאָך גראדע פארקערט, ווען עס איז דאָ ווענינגער מצות, וואָלט דאָך געווען לייכטער צו לערנען און לייכטער צו מקיים זיין. טאָ פארוואָס זשע זאָגט רחב"ע אז צוליעב אונזער טובה ווענען, האָט דאָס אונז גאָט געגעבען זעהר פיעל תורה און מצות ?

דעם ענטפער צו דעם וועל איך אייך געבען דורך א משל. א רבאי איז ארויף אויף דער בימה און האָט אָנגעפאנגען זיין דרשה מיט די ווערטער: רבותי ! איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען ? רופען זיך אָן די מעמבערס, מיר ווייסען ! איהר ווילט געלט ! אויב אזוי, געה איך שוין אראָפּ פון דער בימה. וויבאלד אז איהר אליין ווייסט אלעס וואָס איך וויל אייך זאָגען, דארף איך אייך שוין גאָרניט מעהר זאָגען, און איז טאקע באלד אראָפּ פון בימה. דער עולם האָט אָבער געוואָלט הערען א פּאָר קלוגע ווערטער, האָבען זיי איינגעבעטען דעם רבאי ער זאָל ארויף אויף דער בימה און זאָגען. דער רבאי געהט ארויף און פאנגט אָן נאָך אמאָל, רבותי ! איהר ווייסט וואָס איך וויל אייך זאָגען ? האָבען שוין די צוהערער ניט געוואָלט זאָגען אז זיי ווייסען, און זיי האָבען געענטפערט ניין, מיר ווייסען ניט ! אויב אז איהר ווייסט ניט ? טאָ וואָס טויג מיר צו רעדען צו אייך ! צו מענשען וואָס פערשטעהען ניט, וויל איך ניט רעדען, האָט דער רבאי געזאָגט און איז נאָך אמאָל אראָפּ. דער עולם האָט קוים זיך איינגעבעטען ביי דעם רבאי ער זאָל דאָך עפּעס זאָגען א

פאַר קלוגע ווערטער. דער רבאי איז שוין צום דריטען מאָל ארויף און פרעגט נאָכאמאָל, רבותי! איהר ווייסט וואָס איך וויל אייך זאָגען? האָט דער עולם זיך צוטהיילט אויף 2 פארטייען, א האלבער עולם האָט געזאָגט מיר ווייסען! און א האלבער עולם האָט געזאָגט, זיי ווייסען ניט, זיי האָבען דאָס אזוי דירעקט געטהאָן, אום דער רבאי זאָל זיין געצוואונגען עפּעס צו זאָגען. אבער דער רבאי האָט אויף דעם געענטפערט מיט די ווערטער, מיינע פריינדע! זאָל דער האלבער עולם וואָס ווייסט יע, זאָגען צו דעם האלבען עולם וואָס ווייסט גאָרניט.

אט אזוי, מיינע פריינדע! זאָג איך דאָ דעם ענטפער, ווען עס וואָלט געווען ווערניג תורה, וואָלט ניט געווען קיין שום פאר־טיידיגונג, פארוואָס מען לערענט ניט? און פארוואָס מען קען ניט לערנען? אבער אז עס איז דאָ ב"ה קיין עין הרע אזוי פיעל תורה, איינעגע ווייסען אביסעל אבער איינעגע ווייסען גאָרניט, שרייבען מיר ספרים צו דערמאָנען אז מען קען לערנען איינער פון דעם צווייטען, און דערפאר דארף מען אזוי פיעל ספרים, ווייל מען דארף נאָכאנאנד האלטען אין איין דערמאָנען אז מען זאָל ניט פארגעסען צו לערנען איינער פון דעם אנדערען.

דער קלוגער מענש קען אמאָל זאָגען א ווארט וואָס זאָל האָבען א טיפע מיינונג, למשל: א איד זאָגט אמאָל צו אן אמערי־קאנער ישיבה בחור, דו וועסט שוין קיין דיין ניט זיין. סטייטש! פון וואנען ווייסט איהר אז איך קען ניט זיין קיין דיין? האָט דער ישיבה בחור געפרעגט. ווייל א דיין איז קלאָר אין דין, און דו ביזט א שווארצער און א גראָבער, האָט דער איד געענטפערט.

א משולח איז אמאָל געקומען אין א גרויסען געשעפט בעטען אז מען זאָל איהם געבען א דאָניישאָן פאר א ישיבה. זאָגט מען איהם, ער זאָל געהן אין אָפּיס. דער משולח האָט געהאלטען אין איין ארומזוכען דעם אָפּיס, אבער ער קען עס ניט געפינען. ווייזט אוים אז עס איז ניטאָ קיין אָפּיס! פרעגט ער נאָכאמאָל, סטייטש!

וואו איז דער אָפים ? עס איז — אָפס כסף ! האָט מען איהם געענטפערט אָפס כסף — מיינט: עס איז ניטאָ קיין געלט. אז דער משולח האָט דערזעהן אז ער האָט דאָ א חברה וואָס ווילען ארויסצייגען אז זיי קענען די העברייאישע שפראך, רופט ער זיך אָן צו זיי, חברה ! איהר זייט די אמת'ע קדושים ! די אמת'ע הייליגע ! סטייטש ! האָבען זיי געפרעגט, אז מיר גיבען ניט פאר א ישיבה ? זיינען מיר דערמיט קדושים ? פארשטעהט איהר ? האָט דער משולח געזאָגט, די גמ' זאָגט (חולין-ז) ישראל קדושים הן יש רוצה ואין לו, ויש שיש לו ואינו רוצה — הייסט אז ביי אייך איזביידע זאכען, צדקה קענט איהר געבען, און ווילט ניט ! און העברייאיש קענט איהר ניט, און ווילט גראדע יע ריידען, איז דאָך ביי אייך דער גאנצער „מאמר" צוזאמען . . .

די וועלט פרעגט א קשיה, צו וואָס האָט דער רבש"ע געהייסען נח'ן מאכען א תיבה, נו און אָן א תיבה האָט איהם דען גאָט ניט געקאָנט ראטעווען ? נאָר דער טייטש פון „תיבה" איז א וואָרט. דאָס מיינט, אז יעדער ת"ח דארף קענען ענטפערען מיט א גוט וואָרט אין צייט. און דערפאר דארף מען א סך תורה מיט א סך ספרים.

נאָר מען דארף צופיעל ניט רעדען. איך האָב אמאָל געזעהן ביי א באנקעט, האָט זיך א רבאי אוועקגעשטעלט האלטען א רעדע, האָבען די וועיטערס באלד דערלאנגט צום טיש קרים מיט קעז, פרעגט דער עולם, סטייטש ! מיר האָבען דאָך ערשט געגעסען פלייש ! טאָ ווי אזוי קענען מיר יעצט עסען מילכיגס ? שרעקט זיך ניט ! האָבען די וועיטערס געזאָגט, ביז אָט דער רבאי וועט ענדיגען זיין רעדע, וועט מען שוין מעגען עסען מילכיגס.

א סך רעדנער ווען זיי רעדען, איז פונקט ווי א לאנגע קייט. אגדה — מיינט: א בונד. ד"ה א סך ווערטער און געדאנקען צוזאמענגעבונדען. און דערפאר זאָגט דער פסוק — פקודי ד' ישרים משמחי לב, פקודי — איז אלשון — פקדון — דאָס מיינט:

זעהר א סך גוטע געדאנקען זיינען באהאלטען אין די ווערטער פון די חכמים.

צום באדויערען, זיינען אבער די חכמים אָרימע לייט! אז א ת"ח געהט ארויף זאָגען א דרשה, גיט ער א קוש דעם פרוכת, מאכט צו די אויגען, און עפענט דעם מויל, הער איך ווי די חברה זאָגען, עס וואָלט געדארפט זיין פארקערט! ער האָט געדארפט צומאכען דעם מויל און עפענען די אויגען, וואָלט ער געזעהן אז דער עולם וויל ניט ליידען זיין דרשה. דערפאר, רבותי! בעט איך אייך, הערט אויס די רעד פון די חכמים, ווייל דאָס וועט אייך ברענגען גרויסע נוצען.

איך האָב אמאָל געזאָגט גאנגבארע דרשות, ד"ה ווען איך האָב גערעדט איז זיך דער עולם צוגאנגען, אבער היינט ב"ה רעד איך קורץ און צום פונקט, און דער גבאי פון שול דארף מיר קיין אייזען אויף דער בימה ניט אוועקלייגען. אן אייזען לייגט מען אוועק ביי אזא רעדנער וואָס מען דארף אן אייזערנעם געדולד צו אויסהערען איהם, אבער איך זאָג בלויז — יגדיל תורה ויאדיר!

(הוספה)

משנה כא, פרק ב — ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם...

דרשה כ — אן אפיעל צו צדקה קלייבערס!

מיינע פריינדע! היינטיגען מאָל מאך איך א וואונדערבארען מאָדנעם אפיעל צו דער חברה צדקה קלייבערס. יעדער מענש וואָס קלייבט צדקה פאר ארימע לייט דארף זיין א — נאמן — דער וואָרט „נאמן" מיינט: א באגלויבטער, אבער אין ר"ת מיינט

דאָס: נאָר איך מעג נעמען, פונקט ווי א איד וואָס וויל גראדע נאָר הערדען — להי"ק — און קען נעבאך ניט, זאָגט צו א דאָקטאָר אין — תל אביב — „ראש רמאי". קוקט איהם אָן דער דאָקטאָר מיט אן אָפענעם מויל און פרעגט איהם: וואָס טהוט אייך וועה ? איך האָב קאָפּ שווינדעל ! האָט דער איד געענטפערט. — ראש מיינט קאָפּ און — רמאי — מיינט שווינדעל, איהר פערשטעהט, רבותי ? וואָס עס קען אמאָל מיינען דער וואָרט — נאמן ? עס איז פונקט ווי א איד זאָגט צו מיר אמאָל אין שוהל, מרדכי פון דער מגילה האָט פארקויפט גוטען הערינג. זאָג איך צו איהם, פון וואנען ווייסט איהר דאָס ? זאָגט ער צו מיר, די מגילה זאָגט דאָך (פ"ק-ט) ושמעו הולך בכל המדינות — דער וואָרט — ושמעו — מיינט דאָך: זיין הערינג.

א געטרייע פרוי האָט מיך אמאָל געפרעגט, אויב זי זאָל ברענגען צום אויפדעקען פון איהר מאנ'ס מצבה בלומען ? האָב איך געענטפערט: ברענגט פאפירענע בלומען, ווייל דער טויטער קען דאָך אלץ איינס ניט שמעקען. אָט דערפאר זאָג איך צו אייך איהר חברה קלייבערס ! טהוט גוטעס מיט מענשען ! ווייל גוטע מעשים קען אפילו שמעקען נאָך'ן טויט ! און דאָס העלפט צו לאנגע יאָהר אויך.

ישעיה הנביא זאָגט (נא) שמעו אלי רדפי צדק מבקשי ד' — אייגענטליך איז דאָך א קשיה ! וואָס האָט צו טהאָן — צדק — מיט — מבקשי ד' ? נאָר דער נביא ווענדעט זיך צו 2 באזונדערע סאָרטען מענשען. עס איז דאָ א סאָרט מענשען וואָס זיינען — רדפי צדק — אבער ניט קיין — מבקשי ד' — ד"ה דאוונען ווילען זיי ניט !

א רב האָט אמאָל געבעטען א אידען ער זאָל אריין אין שוהל ווייל עס פעהלט א צעהנטער צו א מנין. שרייט אוים דער איד, איך האלט ניט פון דאוונען, באדערט מיך ניט ! רופט זיך אָפּ דער רב צום אידען, איהר זייט א גליקליכער, איהר האָט אלע דריי

זאכען צוזאמען! וועלכע דריי זאכען? פרעגט דער איד. פער־שטעהט איהר מיך? האָט דער רב געזאָגט, אז מען דארף א אידען צום מנין, און עס קומט אַ איד, איז מען גליקליך, און אז מען דארף שבת א גוי צו מאכען ווארים, איז אז עס קומט א גוי, איז מען גליקליך, און אז א איד האָט געקראָגען אַ פארך אויפ'ן קאָפּ, ווען ער האָט געדארפט דינען דעם קייסער, איז ער דאָך געווים געוועזען גליקליך. ווייל דורכ'ן פארך האָט מען איהם באַ־פרייט. היינט אז איהר זייט א איד, און א גוי, און נאָך דערצו א פארך אייך, זייט איהר דאָך א גליקליכער! איהר האָט דאָך אלע דריי זאכען!

און עס איז דאָ א סאָרט צדיקים — מבקשי ד' — וואָס זיינען אמאָל שלעכט אין כאראקטער, זיי זיינען — פורים צדיקים, דער וואָרט — פורים — מיינט אין ר"ת: פלוצלונג ווערט ראובן יונה א מתמיד. גראדע ווען מען בעט ביי איהם א טובה, פאנגט ער אָן לערנען.

דאָס זיינען אזוינע צדיקים, ווי יענע פרוי, וואָס איז נאָך א גרעסערע צדקנית, ווי יענע פרויען צוליעב וועלכע מיר זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים. יענע האָבען געגעסען דעם מן 40 יאָהר, און זי עסט שוין דעם מאן 45 יאָהר.

אַן אָרימאַן איז אמאָל געקומען צו א רבי'ן און געוויינט, אזוי ווי ער דארף געהן צו זיין טאָכטער'ס חתונה און ער וויל א זיידענע קאפאָטע, כדי ער זאָל אויסזעהן ווי א שעהנער איד. האָט איהם דער רבי געגעבען 50 רובעל אויף א קאפאָטע. האָט די רבי'צין אָנגעפאנגען צו שרייען, סטייטש! וואָלט דען ניט געוועזען בעסער ווען דו וואָלסט געגעבען די 50 רובעל פאר די ארימע אלמנות און יתומים אויף ברויט? יע, דאָס איז טאקע אמת, האָט דער רבי געזאָגט, אז ברויט פאר יתומים איז בילכער, ווי א זיידענע קאפאָטע צו א חתונה, אבער, די קשיה איז, פארוואָס האָבען מיר פריהער ניט געטראכט פון די יתומים? נאָר דער

ענטפער איז פשוט, דער יצר הרע, אזוי שנעל ווי ער זעהט אז א איד, וויל געבען צדקה, הויבט ער איהם אָן זאָגען, גיב נישט ! עס איז דאָ בילכערע און נויטיגערע ערטער וואו צו געבען ! ד"ה ער לעגט אריין די טומאה אין דער יראה אריין. דערפאר זאָג איך צו אייך, איהר חברה ! טהוט צדקה ! און ציהט נישט אָפּ מיט קיין פאלשע תירוצים, און דענקט נישט, אז איהר טהוט צדקה, דארפט איהר שוין נישט דאווענען, הביטו אל אברהם אביכם ! ער האָט זעהר פיעל אָרימע לייט געגעבען עסען, און דאָך האָט ער אויך געבעטען ביי גאָט, און איז געווען אן — עובד־ד'.

איהר חברה, צדקה־מאכערם ! זייט נישט אזוי ווי יענער הייסער ציוניסט, מען רופט איהם — הייסער — ווייל ער הייסט יענעם פאָהרען אין ארץ ישראל ! אבער אליין פאָהרט ער נישט.

דער נביא הושע (קאפיטעל י) זאָגט — זרעו לכם לצדקה — און פונקט ווי מען קען נישט איינזייהען אין הויז, ווייל עס וואקסט נישט אזוי גוט, נאָר מען דארף זייהען אין א פעלד, ווייט פון הויז, אזוי דארף מען געבען צדקה נישט נאָר צו די אייגענע ארימע לייט, נאָר אויך צו ווייטיגע און פרעמדע, דאן וועט עס מאכען גוטע פירות.

די גמ' זאָגט (ב"ק־יז) אשריכם זורעי על כל מים (ישעיה־לב) ואין מים אלא תורה . . . דאָס מיינט: אז איבערהויפט דארף מען זייהען די צדקה צווישען ת"ח.

זייט נישט אזוי ווי יענער צדיק, וואָס לעגט אריין די טומאה אין דער יראה אריין. אז ער איז געווען אין שול, ווען מען האָט געמאכט אן אפיעל פאר מדינת ישראל, האָט ער געזאָגט: איך וואלט געוואָלט געבען א סך מעהר ווי איך גיב, נאָר איך וויל נישט פארשעהמען די יעניגע אידען וואָס קענען נישט און ווילען נישט געבען, זייט נישט אזוינע צדיקים !

תם ונשלם ספר חכמת אבות

ואלה יעמדו על הברכה

דער פסוק — פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון — איז דאָך קשה ! ער האָט דאָך געדאַרפט זאָגען — פתח את ידך, אדער — פותח את ידיו, נאָר דאָ ליגט אזא געדאנק . . . ווען עפענט גאָט אויף זיינע פענסטער פון הימעל צו געבען אונז זיינע גרויסע ברכות ? דאן ווען דער מענש האָט אָפענע הענט צו געבען צדקה. ווען איז פותח ? ווען — את ידיך ! און אויב מיר וועלען טהאָן גאָט'ס רצון ? דאן וועט מקויים ווערען — אפס כי לא יהיה בך אביון — דערפאר זאָגט ער — ומשביע לכל חי רצון — אויף דעם פסוק „אפס כי לא יהיה בך אביון" זאָגט רש"י — בזמן שעושין רצונו של מקום —

אזוי ווי איך האָב מורא אז דער ספר „חכמת אבות" איז מיין לעצטער ספר, דערפאר וויל איך דאָ ארויס געבען די נעמען פון די אידען וואָס גיבען צדקה מיט שמחה, אזוי ווי די תורה זאָגט — ולא ירע לבבך — אָט די אידען זעהען דעם ארימאַן, הערען איהם אוים, און העלפען איהם ! זיי זיינען ניט ווי יענער — עלוי — דער וואָרט „עלוי" מיינט אין ר"ת עינים להם ולא יראו.

אידען האָבען אמאָל געהאט א טענה צו זייער רבי'ן, פאר וואָס ער האָט איינעם פון די חסידים אזוי שטארק געבענטשט? ער איז אזוי שטארק רייך געוואָרען, אז ער טרעט ממש אויף גאָלד ! מען עסט ביי איהם מיט גאָלדענע לעפעל, און מען טרינקט פון א גאָלדענעם סאמאָוואר ! סטייטש ! פארוואָס האָט דער רבי ניט צוטהיילט די עשירות צווישען עטליכע חסידים ? פארוואָס האָט ער אריינגעטהאָן די גאנצע חלה אין איין (1) המוציא ? איך האָב איהם בלויז געבענטשט מיט געלט, האָט דער רבי געענטפערט, אז ער איז א קלוגער און גיט א סך צדקה, דאָס איז ניט מיין שולד ! די צדקה האָט איהם געמאכט רייך, ווייל די תורה זאָגט (תשא) ונתנו ! דער וואָרט „ונתנו" לייענט זיך אויף צוריקוועגס אויך — ונתנו — דאָס מיינט: אז די וואָס גיבען צדקה, גיט מען זיי פון הימעל גרויסע „עשירות". דערפאר בענטש איך אָט די אידען וואָס האָבען גענעבען דעפאזיטס אויף מיין ספר — חכמת אבות — ואלה יעמדו על הברכה !

חברה פועלי צדק אנשי גלובאָקע
הרב הג' חיים דוד אדאמס
החזן המ"פ והיקר ר' חיים אלענטאָף
ר' שלמה צבי אבראמאָוויץ

ר' ברוך ב"ר ראובן משה אדלער
ר' אשר זעליג אקסעלראד
ר' חיים ב"ר יצחק אטלעס
ר' משה ב"ר יצחק אָזדאבע

ר׳ יוסף יצחק אווערבאך
רבי בן ציון אסיפאָוו
ר׳ נחמן אפפעלבלאט
ר׳ יהושע יהודה אייזיקסאָן
ר׳ שמחה בונים אסטראָוו
ר׳ יעקב מרדכי אייבראמס
הרב דובער בוימגארטען,
יין כשר ומשובח
121 Norfolk St., New York
ד״ר ברעכער, גרויסער ספעציאליסט
פון אויגען גלעזער
די ברידער בערגער, בשר כשר
חזן ר׳ משה באך
ר׳ אברהם ב״ר זיסעל בעקמאן
הנכבד ר׳ איסר מאיר ביל
רבאי זוסיע בלאט
ר׳ שלמה באלדאם
מתתי׳ (מאטוס) בראנדוויין
ר׳ ישראל ב״ר דוב בארבאש
ר׳ משה בלומשטיין
ר׳ צבי גרשום ב״ר יהודה בערמאן
ר׳ בנימין בוק
ר׳ אברהם בליטצער, בשר כשר
רעוו. ר׳ יונה בעקערמאן
מ״ר. בראַם׳ס שומר שבת בעקעריי
ר׳ יעקב הלוי ביגעלאייזען
ידידי ר׳ אלעזר בלייער
ר׳ שמואל בערמאן
ר׳ חיים אליעזר בראווערמאן
חזן יהושע בלומשטיין
ר׳ משה בארענשטיין
ר׳ אבא ב״ר חיים ביכוויד
ר׳ נתן נטע בוכהאלטער
ר׳ חיים זאב ב״ר שמואל בלאט
ר׳ אברהם ב״ר זוסיע ביינק
הרב החשוב ר׳ יצחק באלאבאן
ר׳ יצחק ב״ר יוסף בורלאק
רבאי ד״ר יעקב יהודא גאבעל,

רחל לאה גאָטש (Gach)
רחל דבורה בת גוטל גאָרדאָן
ר׳ יהיאל ב״ר יוסף גאטשמאן
ר׳ פרץ הלוי גאלד
רעוו. ר׳ אברהם דוב גינגאָלד
ר׳ נחום ב״ר חיים גאָלוב
זאב ב״ר משה געלער
ר׳ אברהם מרדכי אלתר גאטליב
ר׳ יוסף ב״ר בן ציון גראסמאן
ר׳ אברהם יצחק גאָלדשטיין
רעוו. ר׳ אליעזר גאָלדבערג
ר׳ אליהו פרץ גאָלדבערג
ר׳ יעקב גאָלוב
ר׳ ישראל זיסעל גינזבורג
רעוו. ר׳ מרדכי גייער
מביהכ״נ לכת יושר
ר׳ יעקב ב״ר זלמן דוד גאָלדעס
ר׳ אברהם מענדיל גמרא
ר׳ ישראל ב״ר מאיר גינזבורג
ר׳ אברהם גרינבערג
ר׳ ישראל יעקב גינזבורג
ר׳ שלמה געלער
חזן ר׳ חיים מרדכי גלוכאָווסקי
ר׳ יעקב ב״ר ירחמיאל צבי גרין
ר׳ אברהם דאָלינגער
ר׳ אייזיק ב״ר זאב דאָרן
ר׳ שבתי דאבזשינסקי
ר׳ שמואל דוד דויטש, בשר כשר
ר׳ אנשיל דראליוק
ר׳ שלמה בן דוד דובין, בשר כשר
ציר׳על דאווידאָוויטש
ר׳ שלמה הכהן זאבלודאָווסקי
רעוו. מנחם יהודה דייטש
חזן ר׳ גרשון דזשייקאָבסאָן
ר׳ לוי האראוויץ און מארגארעטען,
כשר׳ע און געשמאקע מצות
ר׳ יוסף א. הירש, יין כשר ויפה מאד
107 Norfolk St., New York

ר׳ מרדכי ב״ר אברהם האָפמאן
ר׳ משה הלוי האָרוויץ, בשר כשר
ר׳ חיים מענדיל העללער,
לייבוש ב״ר שמואל הלוי האָראָוויץ
פרעז. פון ח׳ ש״ס
ר׳ מרדכי האכפעלד
ר׳ מענדיל וז׳ פעריל האָפמאן
ר׳ נח ב״ר מרדכי האקלענדער
ר׳ יצחק ב״ר יעקב צבי היימאן
ר׳ ישראל וויינבערג
רייזעל און חיה לאה וועינק
ר׳ נתן נטע ווייס
ר׳ גאָדל וועקסלער, בשר כשר
ר׳ אהרן וויינשטיין
רעוו. ר׳ מרדכי וויינטרויב
אלטע באשע וואלבערג
רעוו. נחום ב״ר יעקב יוסף ווינער
ר׳ עזריאל זעליג ווארטעלסקי
הנכבד והיקר ר׳ ביינוש ווינער
ר׳ יעקב וואלאוויץ
ר׳ מרדכי ב״ר משה ווייס
רבי אהרן אשר וואָלינעץ
ר׳ אברהם מאיר ווארשאפסקי
ר׳ יחזקאל ב״ר אב׳ ווארשאפסקי
ר׳ חיים פרידעל ווינער
ר׳ יוסף יקותיאל וויינגאָרטען
ר׳ יחיאל ב״ר מתתי׳ ווייסבערג
הרב יהודא לייב זילבערבערג
ר׳ אלי׳ ביינוש ב״ר דוד שלמ׳ זיניק
ר׳ יחזקאל זונד
ר׳ בנימין זיגלער
ר׳ אליעזר זעליגמאן
הרב יעקב זאקהיים
ר׳ יעקב יוסף טוב
ר׳ יהושע העשיל טשודניאווסקי
ר׳ מנחם מענדיל טשערווין
ר׳ אברהם יהודה טאטער
ר׳ שמואל טאבאקהענדלער
ר׳ מנחם נחום טעמני

רעוו. ר׳ חיים טעפליצקי
ר׳ חיים יוסף טענענבוים
ר׳ מיכאל טאגער, יין כשר ונאה
ר׳ אברהם בונים יאסקאוויטש
הרב אברהם יאקובאוויץ
ר׳ איסר כ״ץ, בשר כשר
ר׳ נחמי מאיר
ב״ר נחמי׳ מאיר כ״צ׳מאן
ר׳ יצחק דוד כ״ץ
רעוו. ר׳ מרדכי איסר כהן
ר׳ דובער ליפשיץ
ר׳ חיים ב״ר חיים ליבערמאן
ר׳ אלכסנדר לעדערמאן
ר׳ היים הלוי לעווין
ר׳ מאיר ב״ר יהודא לעווינסאָן
ר׳ שמואל אהרן לערנער
ר׳ משה יוסף לינארסקי
ר׳ יחיאל מיכל לידער
ר׳ דובער לוסטיג
ר׳ זאב לעבענספעלד
ר׳ משה אלי׳ ב״ר שאול לענד
הרב יוסף ב״ר שמאי לעווינסאָן
ר׳ ישראל דוד לינדען
שבח לייב ב״ר ליפמאן מארטין
ר׳ אברהם מאָסקאָוויץ
ר׳ שמעון הלוי מערגעל
ר׳ משה יודעל מעלצער
ר׳ מיכאל מעזעראוויץ
ר׳ יעקב ארי׳ מאליץ (מאליף)
ר׳ אליעזר ב״ר הירש מירבערג
הרב איסר מארקאוויטש
ר׳ יצחק יהודה הלוי מאטלערם
ר׳ משה מאנדעל
ר׳ צבי מלמד, בשר כשר
ר׳ חיים ב״ר משה מארדער
ר׳ ראובן נעלסאָן
ר׳ אברהם יצהק נאַגורקע
ר׳ נחמן נעכאמטשיק

ר' משה נארמאן
שמואל ב"ר צבי סמיטה
משה פנחס סילווערשטיין
ר' חיים יעקב סיגעל
הרב זושע סלוצקי
ר' שכנא ספאַק, בשר כשר
ר' יעקב מאיר סטיינבערג
ר' אברהם ב"ר חיים סאפראן
ר' משה סילווערמאן
ר' אברהם זלמן ספיוואק
ר' משה סולקעס
ר' יצחק הלוי סיגעל
ר' מאיר שמרי'
ב"ר גרשון סילווערמאן
ממשפחתנו המפורסמה, ר' צבי
ב"ר א"ב יעקב הלוי סיגאלאָוויטש
ר' יצחק יעקב ב"ר דוד סירלין
חזן מ"פ ר' צבי דוד סילווערמאן
ר' צבי עפשטיין
ר'מרדכי, ר'אברהם ור'נחמי' עפסיל
ר' יעקב דוב פאולינסקי, בשר כשר
ר' יצחק וז' שרה פיש
ר' איסר הלוי פרעסמאן
ר' שמעון ב"ר מאיר הכהן פוקס
ר' אברהם אבא ב"ר אליעזר פישער
ר' חיים פאַגעל
ר' מאיר פישער
הרב היקר מ. פעיסט
אליעזר ב"ר אליהו פרידלענד
ר"מ פאסטערנאק
ר' אברהם דוב פאפאוויץ
ר' משה מאיר פעשעס
ר' יוסף פרידמאן
ר' אברהם פיליפס
ר' משה אברהם פרידמאן
ר' יוסף פעלדמאן
ר' משה לייב פינקעלשטיין
ר' שמואל פיין

ר' וואָלף פאול
חזן ר' שלום מרדכי פעלדמאן
ר' אליעזר פעלדמאן
ר' שלמה פייט
ר' מרדכי פלאם
ר' צבי הירש פאָמעראנץ
חזן מ"פ פינגערהוט
ר' משה יעקב פרידמאן
ר' משה מתתיהו פעלדמאן
ר' מרדכי ב"ר שבתי צירולניק
ר' דוד ב"ר ברוך קאטלער
ר' מרדכי ב"ר זאב קעטץ
ר' יעקב ב"ר יצחק קאָהען
ר' אברהם אבא קימעל
ר' ברוך קושנער
ר' אהרן ב"ר יהושע קאָהען
ר' שמואל קלינגער
ר' אברהם הכהן קרעמער
ר' יהושע קאדאק
ר' מרדכי זאב הכהן קאנעפסקי
ר' חיים דוב ב"ר פנחס קיטאָווער
באוואוסטער דענטיסט קרומערמאן
ר' קלמן קלארספעלד
ר' עקיבא קאָזלאָוו, בשר כשר
ר' משה דוב קאפלאן
ר' מרדכי העניך קראוס
ר' בן ציון קארנפעלד
ר' זאב וואָלף קעסטנער
ר' אליעזר יהודא קעלער
ר' אליעזר ב"ר מרדכי קרן
ר' קלמן קאבאק
ר' צבי קרומעט, בשר כשר
הנכבד ר' אברהם
ב"ר מאיר הכהן קאבאק
ר' אברהם קאופמאן
ר' יהודה לייב קאפלאָוויץ
הלל קלארשטיין
ר' דובער קליאנסקי

ר' מאיר קליין, בשר כשר
ר' מרדכי ב"ר טובי' הלוי קארי
ר' יהודא ראזענבאום
ר' דובער ראטבארד
ר' משה ראבינאָוויץ, בשר כשר
ר' לוי ריינער, בשר כשר
ר' מרדכי הכהן ראיאק, בשר כשר
ר' חיים גרשון ראטמאן
ר' יעקב הלוי ראקאוויץ
ר' חיים אהרן אלתר ראבינאָוויץ
רבקה בת ר' יחיאל מרדכי רעדיק

ליפשיץ, וויין כשר ומשובח
Stanton, cor. Allen

קראון כשר ווארשט קאָמפאני
157 Houston St., N. Y.

ר' יאיר בן רפאל רעפאלד
ר' מרדכי רימעץ
ר' שמואל לעמיל רופא
ר' מאיר ראגינסקי
ר' שמואל שפיצער, בשר כשר
ר' מנחם מענדיל שנעיעראף
ר' אשר זעליג שפינדעל
ר' יוסף שעהנפעלד
ר' יעקב שטעכער
ר' יודא לייב שענקמאן
לאה שטארק
ר' יעקב צבי שניידער
הרב יעקב דוב שווארץ
ר' רפאל אברהם שפינער
הרב יוסף קעלעמער, מגזע הבעש"ט

Dr. Abraham H. Chaikin, D.D.S.
Distinguished in his field.
I. Cooperman, Kosher Meat
Cantor Murray Garber
548 Vermont St., Brooklyn, N. Y.
Aaron L. Gitenstein
Counsellor at Law
Julius Felsen
Dr. Max Levy, D.D.S.
Renowned Dental Surgeon
Harry Leibowitz
Irving Miskoff Knitwear Co.
Cantor Bezalel Newberger
of Temple Israel, 659 Ralph Ave.,
Rev. Herman Rothberger
Shapiro Kosher Wine Co.
126 Rivington St., New York
Streit's Kosher and Tasty Matzos
Moses Silverman, glat Kosher Caterer
in the Synagogue, 10th Ave. and 43rd St.
Stein Bros. Smart Clothes
103 Canal St., New York
Morris Schaffer, Hats Made to Order
171 Clinton St., New York
Mr. Robert Workman

לזכר נשמות הקדושים והטהורים

חיה גאָלד — ו ניסן
ר׳ יצחק ב״ר ליפא סלוצקי — ז אדר
מלכה טענצער — כז מרחשון
לז״נ ר׳ זאב לאַנדאו
ר׳ שלמה דיימאָנד—ב דר״ח אדר א
זאב גיטער — ב אדר
לז״נ ר׳ חיים וואָלף פערלמאן

אברהם בצלאל מארקאָוויץ, יט טבת
גאָלדע קליין — יז אדר ב
לז״נ מרים פריים
לז״נ ר׳ מרדכי דוד וז׳ שיינע שרה
ר׳ בצלאל ברוך סאקס — טז כסלו
ז׳ רחל איטע סאקס — יב תשרי
לז״נ נחמי׳ ב״ר יוסף חיים פינגערער

Morris Landman — 26 Iyar
Ernest Menkin, Real Estate
Rabbi Jacob Klausner — 18 Sivon
In memory of Sigmund Besterman
Leib Weinberg — 17 Cheshvan
Moishe Cohen — 7 Adar
In memory of Joe & Kate Berenstein
Rose Drillich — 13 Tebeth
In memory of Israel Ehrlich

אז דער ספר „חכמת אבות״ איז שוין געענדיגט, וויל איך אייך בעמיען אז עס זאָל ניט זיין אזוי ווי מיט יענעם וואונדער. א איד זאָגט: „איהר זעהט מיין אָווערקאָוט ? דאָס איז דער גרעסטער וואונדער ! די וואָל איז פון אויסטראליע. די שטאָף איז געוועבט אין ענגלאנד, דער קאָוט איז גענעהט אין ראטשעסטער, און איך האָב איהם געקויפט אין ניו יאָרק. אזוי פיעל מענשען מאכען פון איהם א לעבען, און איך האָב נאָך ניט באצאָהלט פאר איהם.

זעהט, מיינע פריינדע ! באצאָהלט פאר׳ן ספר ! איהר האָט דאָ געדאנקען, וואָס פאנגען זיך אָן אין אמעריקע, ענדיגען זיך אין ירושלים, און פארבינדען די אלע זאכען דורכ׳ן מאָראלישען וועג.

דער רבש״ע האָט געזאָגט — קץ כל בשר בא לפני — וואָס מיינט דאָס דער — קץ — איז געקומען ? דער — קץ — קען דען קומען ? נאָר די חברה פון — דור המבול — האָבען געהאלטען פון 2 זאכען, פון — קול — און פון — צום — דאָס איז די ר״ת פון קץ. אבער צו העלפען דעם ארימאן מיט — ממון — האָבען זיי פון דעם ניט געהאלטען. רבותי ! איהר גיט ממון לצדקה !